STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00741

OYFN VEG TSUM MENTSH

Dora Teitelboim

Permanent preservation of this book was made possible by
Jerome K. & Sandra Borak
in memory of
Boaz Willis

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָרע טייטלבוים

אויפן וועג צום מענטש

דאָרע טייטלבוים

אויפן וועג צום מענטש

וואַרשע — פּאַריז

1965

DORA TEJTELBAUM

OJFN WEG CUM MENTSZ

רעד: ד. ספארד

צייכענונגען: זשאן לורסא

טעכנישער רעדאקטאר: ש. ליכטענשטיין

Copyright © 1965 by OJFSNAJ

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Druk RSW „PRASA", Tarczyńska 8

Harcourt
PARIS

אינהאַלט:

	זייט
***	7
כ'האָב ליב	9
אין גאַנג	11
עס דאַרף אַ חלום אויך די רו	13
„לאַ קאָרידאַ“	14
אַ פרימאָרגן מיט גומענע זוילן	16
פאַטרים לומומבאַ	17
אויף אַ שליטן	20
אין לאַנד פון דעמאָן גאָרגאָן	21
אין נעצן	25
אויפן ים-לייטער	27
אַנטקעגן ימיקן וונדער	30
וואָלט ווער געפרעגט	32
בלויע טאַנצנדיקע בערג	34
אַ פאַרליבטער ים	36
דער גערטנער	38
די לוויה	39
מיין ריכטער	41
„פאָסטאָינאָ גראָטאַ“	43
ביים ראַנד	46
געראַנגל	48
דערוואַכונג	50
ער שרעקט זיך פאַר אַ קרישקע-לע געלעכטער	52
ס'וועט מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג	53
עס שאָקלט זיך דאָס האַרץ שוין ווי אַ צאָן	54
אומרו	56
קום מענטש	57
שלום-עליכם	59
בליאונג	61
טעג	62
אַ ניגון	63
נאָך אַ יאָר	64
וואָס זאָל איך טאָן?	65
טראָג איך היינט אַ שירעם פאַר די אויגן	68
מיט אויגן אָפענע	69
מיסיסיפי	70
טענעסי	73
די נאַכט פון צווייטן סעפטעמבער	75
„ראָק און ראָל“	77
ניו-יאָרק נאָך האַלבער נאַכט	80
פלאָרידאַ	83
מיאַמי-ביטש	85
דיקי	87
אַ נעגער-מיידל	89
עמיגראַנטן	90
בריוו פון אַמעריקע	98
שטורעם	105
אַלע ברעגן ווילן רו	107
דער מאָלער	110
צו-להכעיס	116
פון דער אַרבעט	117
האַרבסטיקער זאַווי	119
איך בין אַ פאַסטוך	120
אין אַ נאַכט אַזאַ	122
האָסט אין האַרץ געלאָזט מיר אַ באַציל	124
ערב באַגינען	125
אַ רייזע אין אַ טופאָליעוו	127
אַ ווינטער-נאַכט אין מאָסקווע	134
ווער ביסטו, לבנהלע קליינע?	136
אין אַ שטאָל-פאַבריק	139

	זייט
דאָס נאַכטיקע געזאַנג	141
אַ פֿאַרנאַכט אין האָפּיי	143
אויף די וועגן קיין שעניאַנג	145
אַרום „הויז פֿאַר אַלטע לייט“	147
אַ פרימאָרגן אין שאַנכאַי	150
איך האָב געפרעגט	152
די גרויסע וואַנט	154
ה ו ר אַ ג אַ ן	159
ווייסט דער בוים אין וואַלד	161
מיין מאַמעס הענט	162
מ אַ מ ע	163
די צאַרטסטע רויז...	165
ט אַ ט ע	166
אין וואַלד	169
שלום=קאַרנאַוואַל	171
ג ע ב ל י ב ן	174
ק אַ פּ ר י	175
איך האָב אַ שוואַלב געזען אין פלי	177
ה אַ ר ב ס ט	178
מיט דיר איז דער הימל גאָרנישט ווייט	179
איך בין פון חלום די אלמנה	180
פאָלק, מיין פאָלק	182
אויף צווייען די וועלט איז צעשניטן	183
ס'האָט דער ווינט היינט גערעדט צו מיר יידיש	185
ש מ ו א ל י ק	187
ס'טרעפט אַמאָל	190
מיין גלויבן	192
זאָגט מיר ווער בין איך?	195
אין די בערג	201
דער מעטאַלענער בוים	207
אונדזערע יאָרן	209
נאָך דעם שטאַרבן פון אַ חלום	211
נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן!	212
רשימה פון אומבאַקאַנטע ווערטער	215

* * *

דאָרע טייטלבוים איז געבוירן געוואָרן דעם 17=טן דעצעמבער 1914 יאָר, אין בריסק. איר פאָטער איז געווען אַ באַלמעלאָכע — אַ שטובן=מאָלער. שוין צו 12 יאָר האָט זי אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו שרייבן לידער. אין יאָר 1932 פאָרט זי אָפּ פון פוילן קיין צפון=אַמעריקע, וווּ זי אַרבעט פיל יאָרן אין שאָפּן פון היט, אַלס אַ מאָדיסטקע און לערנט זיך אויף אָוונט=קורסן.

זי ווערט באַלד אַקטיוו אין דער אַרבעטער=באַוועגונג, ווי אויך אין פּראָגרעסיווע יידישע קולטור=קרייזן. שפּעטער ווערט זי לערערין אין די אָרדן=שולן.

אין יאָר 1940 הייבט זיך די דיכטערין אָן דרוקן אין דער „מאָרגן=פרײַהייט“, אין „יידישע קולטור“, „ניי=לעבן“. אירע לידער באַווייזן זיך שנעל אין יידישע פּראָגרעסיווע אויסגאַבן פון פאַרשידענע לענדער און דערשיינען אויך אין ענגליש אין „דעילי וואָרקער“, „דזשואיש לייף“ און אַנדערע.

אין 1944 גיט דער ניו=יאָרקער איקוף אַרויס איר ערשטע לידער=זאַמלונג „אינמיטן וועלט“. אין 1948 דערשיינט איר צווייטע לידער=זאַמלונג „הימל און ערד“, אַרויסגעגעבן פון פּאָעטן=קלוב. איר דריט בוך „מיטן פּנים צום לעבן“, אַרויסגעגעבן פון פּאַריזער פאַרלאַג „אויפסניי“, באַשטייט פון רייזע=אײַנדרוקן, וועלכע די דיכטערין שרייבט בעת איר באַזוך איבער די פאָלקס=דעמאָקראַטיעס. ישראל און אַ צאָל מערב=איראָפּעישע לענדער. דערנאָך קומען די לידער=זאַמלונגען: „מיט אויגן אָפענע“, בוענאָס איירעס 1955; „די באַלאַדע פון ליטל ראָק“, פּאַריז 1959 און „ס׳האָט דער ווינט גערעדט צו מיר יידיש“, פּאַריז 1963 יאָר.

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב דאָס שטילע פרידלעכע געמיט
צווישן שוועסטער, ברידער אין דער מיט,
ווען אָפּן איז דאָס האַרץ, פּשוטע די רייד,
און צירונג טייערסטע — די פרייד,
ווען ס׳גריסט דיך דאָ און דאָרטן אומגעריכט
א שמייכל פריינדלעכער אויף א געזיכט
און א געלעכטער שפּריצט ארוים צוגלייך
ווי דאָס פליעסקען פון א פישל אין א טייך
און פארשווינדט אין די טיפן פון א בליק
אומצוקערן ווידער זיך צוריק.

כ׳האָב ליב דאָס יונג, דאָס גוטמוטיק געמיט,
ווען איינער לאַכט און דו לאַכסט מיט,
ווען ס׳איז דיר גוט, נישט ווייסנדיק פארוואָס,
הערסט ווי ס׳עפנט זיך אין דיר א יעדער שלאָס,
און ס׳פליסט אַ ליבשאַפט אומגעצאמט, אומגעשטערט,
ווי אין פרילינג — שפּראָצונג פון דער ערד,
און זוכסט נישט דיינע שאָטנס, דיינע פלעקן,
פאַר קיינעם צו פארהילן און פאַרדעקן.
נאַקעט שטייסט מיט אלעם גוטן, אלעם בייזן,
ווי פאַר דעם ים אין א זומער־טאָג א הייסן.

כ׳האָב ליב דאָס ברייט, דערהויבנדיק געמיט,
ווען פילסט קיין וויטיק אייגענעם שוין נישט,
אַרויסשפּרייזן דו קענסט פון זיך אַליין,
צעשיידן זיך מיט אלץ וואָס נישטיק און געמיין,

ווען גבורה ריזלט אין דיין בלוט און דו ווערסט שטאַרק,
אז אויפהויבן געקענט וואָלסטו א באַרג,
אַ פייער־וואנט פארשטעלן מיט דיין גוף
און אומגעשטערויכלט דורכגיין יעדן פּרווו,
פון דור דעם גרויזאַמען אין ראַנגלענדיקער וועלט,
ווען בלויז צו בלייבן מענטש, זיין דו מוזט א העלד.

אין גאַנג

עס איז נאָך די נאַכט נישט אוועק,
זי טראָגט נאָך אַ מאַנטל אַ שווערן,
מיר שניידן דורך חשכות א וועג,
מיר זענען אליין היינט די שטערן.

מיר גייען דורך פעלזן און טאָלן,
דורשטיק דער וועג איז און לאַנג,
דער מאָרגן ער וועט אונדז באַצאָלן
פאר יעדער צעטראָטענער זאנג.

דאָרט, ווו שטורעמס און שלאַקסן
עס האָבן די צווייגן צעשטערט,
עס וועלן זיך נייע צעוואקסן,
דער וואָרצל זיצט טיף אין דער ערד.

די שפּראַך פון צייט מיר פארשטייען
און שמידן פאר דורות די בריק.
מיט וווּנדן אין הערצער מיר גייען
אליין נעענטער און נעענטער צום זיג.

מיט ליבסטע די אָרעמס געשלאָסן,
מיר נערן מיט גלויבן איינאַנדער,
און פונקען אויף שליאַכן מיר לאָזן,
כדי נישט צו בלאָנדזשען אין וואנדער.

מיר זענען צום פליען געבאָרן,
שלעפּן זיך פליגל דערוויל נאָך אין טראָט
און ווילד=גרוי ווי פעלדער די יאָרן,
וו קראָען פאַרשלינגען דעם זאָט.

עס איז נאָך די נאכט נישט אַוועק
און ס׳לעשן און וואָיען נאָך ווינטן,
נאָר ליכט איז דעם מענטשנס פארמעג,
פאר אים נאָר די זונען זיך צינדן!

עס דאַרף אַ חלום אויך די רו

אין טויבן־שלאָק פון יונג־צעוואָרקעטע חלומות
מיין חלום פליט.
טאָג איין, טאָג אויס
איך לאָז באַגינען אים פון נעסט ארויס
פליען ער זאָל דאָרט אַהין,
ווו מיר ס׳איז נישט באשערט.
דורך שויב פון צייט איך קוק
און היט
צי קיינער האָט אין שטייגן נישט פאַרנאַרט אים,
מיט אומגעדולד
אין געוויטערס איך דערוואַרט אים,
אומקערן ער זאָל צוריק זיך צו דער ערד
און ריחות מיר און פארבן ברענגען פון דער ווייט.
פארנאכט נאָך זון־פארגאנג,
ווען יונגע וואָלקנדלעך פון וואַנדער מיד
ליגן אויף די דעכער פון דער נאכט,
ווען כ׳טו פון זיך דעם טאָג ווי העמד אַ קויטיקס אויס,
די לאָדנס פון הארצן פארמאך,
און נעם מיין שאָטן, מיין שטומען אופן שויס,
קערט מיין חלום צוריק צו מיר זיך אום.
די וווּנדן זיינע איך פארבינד,
דעם שטויב פון פליגל איך פאַרוואַש
און פארוויג אויף די הענט אים ווי א קינד,
ווייל פונקט ווי איך,
ווי דו,
עס דארף א חלום
אויך זיין רו.

„לאַ קאָרידאַ"

שטאַרקער בוהיי, ווילדער בוהיי!
דיין גבורהביים הייליקן אַפּיס אַנטליי,
דעם צאָרן ביים גאָט פון אַכזריות פאַרשלינג,
דעם ים־ווינט אויף זיך ווי פליגל טו אָן,
ווי ליכט־שטראַלן גיך
און פורפורדיק רויט,
דריי זיך, הויב זיך און שפרינג
אין דעם רינג,
טאַנץ דעם טאַנץ פון טויט,
שלאָג נאָכאַנאַנד
ביז לעצטיקן ראַנד,
בריל, ברום, שטומער צונג,
אַז שפריצן מיט פונקען זאָל יעטוועדער שפרונג,
ווי רויכן צוויי בלויע די הערנער צעלאָז
און היט און וואַך,
אַז בלוט זאָל אויף שטיין זיך נישט טאָן קיין צענאָס!
יונגער בוהיי,
נאָך יעטוועדן פאַל הויב אויף זיך אויפסניי
און ראַנגל זיך ווידער אין טייוולשן קרייז,
נאָכאַמאָל זיי דיין גבורה באַווייז,
קיין רחמים נישט זוך,
נישט וואַרט אויף קיין גנאָד —
אונטער דיניקן טוך
די שפּיז איז פאַרהילט.

מיט יעטוועדן טראָט
און יעטוועדן פּאָך
דעם טויטלעכן שטאָך
אין ברוסט דיינער צילט.
שוואַרצער בוהיי,
נאָך יעטוועדן וווּנד פאַרעקשנטער זיי,
דיין מאַמע געווען איז א הילפלאָזע קו,
געבוירן זי האָט דיך אויף שטרוי אין אַ שטאַל,
דעם האלדז געהאלטן פאַר שאַרף פון קינזשאַל,
און מיינע — אַ טויב געווען איז אַ שטילע,
דעם שעכטער באַנעגנט זי האָט מיט א תפילה,
ביז לעצטער מינוט,
ווען רויט שוין איר לייב געווען איז פון בלוט
און בליק אירם אין ווייטן געווען שוין פאַרשטאַרט,
אויף א נס זי האָט אַלץ נאָך געוואַרט,
נאָר איך בין ווי דו, פאַרעקשנט און בייז,
אין שטיינערנעם רינג
איך הויב זיך און שפּרינג.
נאָך יעטוועדן שטאָך
איך ראַנגל זיך נאָך.
אַ שטיך איז מיין טרער.
איך ווייס:
ס'איז ער אָדער איך.
ס'איז איך אָדער ער.

אַ פרימאָרגן מיט גומענע זוילן

אַ פרימאָרגן מיט גומענע זוילן
שוועבט אויף די זאַמדן פון ברעג,
נאָר קינדער צווי מיט פיסטוילן
טרייבן די שטילקייט אוועק.

מעוועס אין סטאיעס האַלב-רונדע,
ווי בלעטער אין ווייסטן זאַווי,
צעפליען אין שרעק זיך באַזונדער —
אַן אומעט מיר בלייבט נאָר פון זיי.

דער ים — צופוסנס אַ בלויער,
מיט גבורה די ברעגן צעשפּאַרט,
נאָר ס׳יאָגט פון די בערג אַזא טרויער,
ווי זיי וואָלטן אויף אומקום געוואַרט.

אַ טאָג אַזאַ יונגער, א העלער
מיט פרייד באַגלייט מיך אין גאַנג.
די זון אַ גאָלדענער טעלער —
נאָר אין ברוסט, וואָס טוט אזוי באַנג?

עס פליסטערט דער טאָג מיר אין אויער
קלאַנגען פריידיקע, זיסע,
נאָר ס׳לאָזט נישט אָפּ מיך דער טרויער,
ווי דאָס אויג פון מיין פאָטער אין גסיסה.

ווו ס׳טרעפן זיך אַלטע באַקאַנטע,
אינדערמיט איך שטיי צווישןביידן,
און ווייס נישט ווער ס׳איז מיר נעענטער
און מיט וועמען איך זאָל זיך צעשיידן.

פּאַטריס לומומבאַ

ווי ווייט איז די סען פון דער קאָנגאָ?
ווי ווייט קאָן זי זיין,
אַז פון דאָרט אין מיין הויז אַזוי גיך איז דער שטורעם אריין
מיט א פּנים פון אלע געקרייצטע,
מיט א קול פון אַלע פאַריאָכטע,
מיט דעם נאָמען לומומבאַ.

ווי ווייט איז די סען פון דער קאָנגאָ,
אַז די פינצטערע גרוב איך זע אין מיין שטוב?

דו ביסט געווען די קרוג, מיין ברודער,
וווּ ס'האָבן פון דורות געזאַמלט זיך טרערן,
דו ביסט געווען דער שפּיגל, וווּ דיין פאָלק האָט זיין גבורה דערקענט.
דו ביסט געווען דער לאַמטערן,
וווּ דאָס האַרץ פון דיין פאָלק האָט געברענט.
דו האָסט געזאָגט:
„זיי זענען געקומען אַמאָל, די ביבל געבראַכט נאָר,
און געהערט צו אונדז האָט די ערד,
היינט נאָר די ביבל מיר האָבן, און זיי אונדזער ערד“.

דו ביסט געווען דער נביא פון פעלקער געשמידטע
און דער האַר האָט געהאַסט דיך דערפאַר.

ווען דו האָסט געחלומט, מיין ברודער,
דער טויט איבער דיר האָט געוואַכט,

אינדערשטיל זיך געגרייט צום פֿאַרלענד,
באַפֿאַלן ער האָט דיך אינמיטן דער נאַכט,
עס זאָל אים פֿון אויג דאָס ליכט דיינס נישט טאָן קיין פֿאַרבלענד.

און דער האַר האָט באַפֿוילן, און דער האַר האָט געוואָלט,
אז טויטן מען זאָל דיך פּרובירן מיט גאָלד,
און אויב נישט קענען מען וועט עס מיט איידעלן בליאַסק
פֿון מעטאַל,
דאַן זאָל מען דיך טויטן מיט פֿראָסטן קינזשאַל.

זיי האָבן געגאָגלט דיך ברודער, די הויטן געשונדן,
געפּייניקט מעת־לעת נאָך מעת־לעת.
אין דער פֿינצטער דיין קבֿר געגראָבן.
די אויגן פֿון תּלין פֿאַרבונדן —
נישט וויסן זאָל קיינער צו דיר דעם אַדרעס.

געזען האָבן אויגן פֿון פֿעלדער.
געהערט האָט דאָס אויער פֿון צייט,
ווי זיי האָבן בסוד דיך אין קבֿר באַהאַלטן.
אַ ציטער געטאָן ס׳האָט די ערד.
געפּלאַצט האָבן קראַטערס פֿאַרמאַכטע,
עס ברעכן מיט פֿייער היינט שטעט.
עס שפּייען מיט פֿונקען די ווינטן,
ווי דו וואָלסט אין ערדישע בייכער
עלעקטרישע קנופּן געהאַלטן
און שׂרפֿות אין לענדער געצונדן.

אין ווייטע, שוואַרצע בייַנאַכטן
איך הער דאָס שלאָגן פון טאַם טאַם
דעם טראָט און דעם שטורעם פוןביימער,
וואָס זענען פון דזשונגל אַרוים
מיטן רוף אויף די פּריירים פון קאָנגאָ.
לומומבאַ!
לומומבאַ!
לומומבאַ!

אויף אַ שליטן

אַ ווייכע, ווייסע וואַטע־וועלט
און די זון אינמיטן.
פון פרייד צעוואָרעמט און צעהעלט
איך יאָג זיך אויף אַ שליטן.
ברייט און אָפן אַלע וועגן
און מיין ליבער ווינקט אנטקעגן.

דינע שנייעלעך ווי זייד
שטריקן לאַנדיש אויף מיין קאָפּ
און אַ באַן פון ערגעץ ווייט
בארג ארויף און בארג אראָפּ
מיט בלויע רויכן אַ באַגלייטע
יאָגט מיך, יאָגט מיך אַ פאַרשנייטע.

כ׳האָב מיט נעכטנס היינט געגנט זיך.
מאָרגנס רופן, ווייטן לאָקן
און די ערד אַ ווייסע בעט זיך,
כ׳זאָל דער וועלט „גוט־יום־טוב״ זאָגן.
איך וועל איר ווייסן שלייער באָרגן
און היינט די כלה זיין פון מאָרגן.

אין לאַנד פון דעמאָן גאָרגאָן

ווייסע אַספאַלט־וועגן, ביימער־ווענט אין צווייט —
מיר פארן זאַלבעדריט.
די זון — א פיש א גאָלדענער אין נעצן פון פארנאכט.
דער הימל רויט, ווי נאָך א שלאַכט.

פעלדער ברוין און געל און גרין.
ס׳יאָגט פאַרביי זיך די מאַשין
דורך א שטעטל א פאַרגרויטן
און אַ דאָרף מיט הויכע פלויטן,
דורך אַ וואלד מיט שטעכלדראָט
און פארחתמעט מיט „פארבאָט״.

אָפּגעפאָרן א מעת־לעת אַ האַלבן.
שווארצע בלומען, רויטע שוואלבן
פון די גראָבע קוימענס פליען
און פארדעקן און פארציען
בלויע הימלען, ברייטע רוימען,
און די רויכן גרויע שוימען —
שפּיצן שטעט, קירכן גלאָקן
יאָגן.
יאָגן.
יאָגן.
און דאָס קינד אין מיין שויס
קוקט דורך פענצטערל ארויס,
דאָ און דאָרטן טוט א פאָך
צו א בוים, וואָס פליט אונדז נאָך,

צו אַ קעלבל אויפֿן גראָז
און עס פֿרעגט ביי מיר פּאַרוואָס
נאָר מען יאָגט זיך און מען טראָגט זיך
פֿון דעם לאַנד אַזוי אַוועק?
ס'וועט באַלד פֿינצטער זיין דער וועג,
ס'פֿאַלט די זון שוין דאָרט אַראָפּ —
און מען שטעלט זיך גאָרנישט אָפּ?

זע די שוואַרצע ברומענדיקע העלדזער פֿון קאָלאָסן,
דעם פֿייער־ים, וואָס קלעטערט אין די הויכן,
די גרוי־ווירוואַרנדיקע רויכן,
די גאַזן געלבלעך־גרין,
ווי ווונדן אָפֿענע מיט אייטער פֿון גאַנגרין,
דאָרט ביי קעסלען זודיקע, מיט אויגן פֿעט און רונד
דעמאָן גאָרגאָן מישט די נעפּלען בלייענע פֿון טויט.

זע די גערטנער גרינע פֿון דער וויט —
קברים זענען דאָס, באַוואַקסענע מיט גראָז.
אַלע נאַכט זיי עפֿענען זיך אויף,
ביינער קלעטערן אויף דעמאָן גאָרגאָנס טויערן אַרויף
און רופֿן צו אַ משפּט אים.
באַלד, אָ, באַלד, דערהערן וועסטו זייער שטים.

„ווער איז דעמאָן גאָרגאָן" —
פֿרעגט דאָס קינד ביי מיר —
אָט גייט ער דאָרט אין שאָטנס! —
מיטן פֿינגער ווייז איך איר.

זע די הענט זיינע, ווי רעלסן שטאָלענע פון באנען,
די מיילער פלאמיקע, ווי קראטערס פון ווולקאנען,
הער ווי נאָר זיי כראמשטשען, קנאַקן, מאַכן זיך נישט צו.
אַזויפיל שוין פארשלונגען און ווערן גאָרנישט זאַט
און וויסן פון קיין רו.
זע די האָר אויף לייב זיינס — קופּעס גיפטיקע מיט שלאַנגען.
זע די פיס די לאַנגע געפּאַנצערטע מיט ברענענדיקן דראָט,
ווו ער גיט אַ קוק, ווו ער שטעלט אַ טראָט,
ווערן שרפות, בראַנדן דאָרט.
זע די כמארעס פון די שטאָלענע טאַבונען,
ווי פון רויכן ס'פלעכטן זיך מכשפות שווארצע צעפּ —
פון סקעלעטן — געבויט ער האָט זיך שלעסער,
פון שאַרבנס — שיסלען, פון שווערדן — גאָפּל־מעסער.
פון ציינער גאָלדענע — די כוסות און די טאַצן,
פון לאָקן קינדערשע — די קישנס און מאטראצן.

צאפּלט זיך דאָס קינד ווי א צווייגעלע אין ווינט,
און די האָר אין די הענטעלעך באַהאלט,
ווי אָפּשערן געפּרווט עס וואָלט זיי ווער.

איי, לו, לו, לו, איי, לו, לו,
מאך די אייגעלעך שוין צו.
איי, לו, לו, לו, איי, לו, לו.
גאָרנישט וויט פון דאַנען, ערגעץ, ערגעץ־ווו
שלאָפן איצט אין טיפע גריבער
מיליאָנען קינדערלעך ווי דו —
איי, לו, לו, לו, איי, לו, לו.

ווי אַ שוואַרצע, ברענענדיקע פאָן,
נידערט אַ פאַרנאַכט צו דער ערד אַראָפּ
און פון טאָג דעם לעצטן שפור
זי פארדעקט אויף די פעלדער פון דער רור,

גראָבע העלדזער, כוואליעס בליי
ברומען,
ברענען אויפדראָסניי.
שווארצע רויכן, ווייסע שליאכן,
פייער־קוימענס צישען,
לאַכן.
אַ שלאנג מיט צונגען ניין
דער יועלט אין פנים שפייט אריין,
און דער אויטאָ ווי א שד
פליט דורך דערפער און דורך שטעט:
ריסעלדאָרף
און קעלן,
דואיסבורג
און עסען
געלזענקירכען,
באָן!

נעמען פינטלען אויף שאָסייען
און פארגייען.
יעדער נאָמען טוט א שטאָך,
און בערג מיט ביינער,
בערג מיט האָר
לויפן נאָך,
לויפן נאָך.
לויפן נאָך.

אין נעצן

דער מילגרוים איז רויט, די יאָדערן שוואַרץ,
אַזוי איז אַצינד די זאַט אין מיין האַרץ.
שעפּסן, נעכטנס קודלאַטע, צופּוסנס מיר ליגן
און שטום עפּעס מאָנען מיט מאָגערע בליקן.
איינער אין צווייטן פאַרפּלאָנטערט אין קנויל
מיט ריטשקעלעך רויטע נאָך אַלץ אויפן מויל.
א פּאָך פון א בלאַט, א זיפץ פון א שטאַם — —
און אַלץ פאַרשווינדט ווי א טראָפּן אין ים.
עס בלייבט נאָר דאָס דינע, שפּיזיקע נאָגן
מיט קילקייט פון רעגנס אין אָסיען־פאַרטאָגן.
עס בלייבט נאָר דער אומרו, פאַרשפּאַרטער אין צעלן,
ווי ער וואָלט א וואַרג טאָן פּלוצים מיך וועלן.

כ׳וועל לויפן צום ים, אַהין צו די שטיינער,
ווען גיין מיר אַנטקעגן עס וועט נאָר אַליין ער.
ווען קריכן אויף בערג ביים ברעג פון מאַנטאָן
דער אָוונט ביינאַנד וועט מיט וואַסער־דראַגאָן.
ווען שניידן די וואָלקנס וועט גאָלדענער סערפּ
און וואַרפן די סנאָפּעס אין פעלזיקע קערב.
ווען פייפן פון באַנען אויף פּוסטע וואָקזאַלן,
ווי מעוועס דערשאָסענע קרעכצנדיק פאַלן.
ווען יעטוועדער סוד עס ליגט פאַר דיר אָפן
און ס׳זענען שוין אַלע חלומות אָן סופן.

כ׳וועל לויפן צום ים, צו די ראָסטיקע סקאַלעס,
און ווי אַ בעטלער פון טאָרבע זיין דלות,
מיין לעבן צעלייגן אויף זאמדיקע טישן.
דער מאכיקער שטיין וועט זיין מיר א קישן,
די ווארעמע ערד — אַ מאַטראַץ,
און כוואליע מיט כוואליע ווי טאַץ מיט א טאַץ
וועט פויקן אויף ברעגן ביינאנד מיטן ווינט,
און אויב דאָס הארץ קיין רו נאָך אלץ נישט געפינט,
אויסרייסן כ׳וועל עס מיט נעגל מיט שארפע
און ווי ברויט צו די פיש אין ים ארייןווארפן.

אויפן ים־לייטער

I

די נאַכט איז קלאָר, די נאַכט איז דורכזיכטיק און ניכטער.
אַלץ אין שלאָף אין טיפן רוט, בלויז ים אליין איז וואך,
די לבנה האָט פון סטענגעס פורפורנע אויסגעשפּינט א שליאַך,
פאָרט צו איר ארויף אצינד א גאַסט, אן אומגעריכטער.
די פּעדים די צעפליקטע פון זיין טרוימען־זאַק פאריכט ער
און פארהאלט פארן וואנדער דעם צעשוימיקטן זיין אָטעם.
כוואליעס האָפען ארום אים ווי פאר געטער־ווילדע שבטים,
אין שפּיגלען הוידען זיך סאַרדאָנישע, צינאָבערנע געזיכטער.
די לופט איז שארף, מיט טעם פון יאָד, פון זאלץ און פיש,
נאָר די שטאָט אין אויער ברומט און הודזשעט נאָך פון ווייט,
ווי ס'וואָלטן וואלפיש אויפן ברעג מושל־בערג געקייט.
פון צאַמונג, רעוואָלטן, און טריאומף־טענער אַ געמיש —
הייבן זיך און זינקען אויף ווייסע גריוועס פון וועלן,
דער הימל — א גאָרטן פול מיט צייטיקע מאַרעלן.

II

פון דעם פּורפּורנעם שליאַך איז געוואָרן א לייטער.
פון דער בלייכער לבנה — א זילבערנער סערפּ,
פון כוואליעס — געפאנגענע שלייען אין קערב,
און פון ים — אַ גלעזערנער באַרג א פארשנייטער.
וואָס טוט ער אַצינד דאָ דער לבנהס באַגלייטער?
אזוי ווייט פון א היים, אזוי ווייט פון אַ האפן,
אין אַ נאַכט, ווען די וועלט אויפסניי ווערט באַשאַפן —
וואָס טוט ער אַליין אויף דעם זילבערנעם לייטער?
ס׳האָט ווער אים געזוכט, נאָך פוסטריט געלאָפן,
זיין נאָמען גערופן, נאָר ער ווייסט נישט דערפון,
עס טראָגט אים זיין טרוים ווי דער ווינט א באַלון,
ווער קען אין אַ נאַכט, אזא ניכטערער שלאָפן,
ווען דו הערסט פון גאַלאַקסן אין חלל די קלאַנגען?
ווען דער הימל איז נאָענט, מיט האנט צו דערלאַנגען?

III

אינמיטן דער נאכט, אויף רונדע, מאַרמאָרנע שוועלן,
ווי א פארוואנדעטע שוואן אין קרייזן פון פוכיקן שוים,
ער הויבט זיך און פאַלט, מען זעט אים שוין קוים,
וואָס ברענגט אים אַהער? וואָס קען ער איצט וועלן,
ווען עס פאלן פון הימל שוין רויטע מאָרעלן?
אין א שיפל א קליינס, אין אַ נאַכט א פארהילטער,
צו דער בלייכער לבנה אויף פלייט זיינעם שפילט ער.
פאַרשלאָפענע מעוועס, ווי שנירלעך צעשאָטענע קרעלן,
צו פיס זיינע פאלן, ווי פלוצים פון דרימל דערוועקט.
אַנטקעגן אָפענעם הימל אין א מידער, צעגעגעצטער שטאָט,
צווישן נאַכט און באַגין האָט דער טרוימער געפרעגט
ביים טיטאנישן ים פון זיין גבורה דעם סוד.
און ים האָט געמורמלט ביינאנד מיט דער בלייכער לבנה צוקאָפנס
„איך בין מיליאָסן בלויז קליינע פאַראייניקטע טראָפנס“!

אַנטקעגן ימיקן וונדער

בלויע, זיידענע וואַלן הענגען נידעריק, דין,
און די זון באַהאַלט זיך אונטער זיי.
אַ ווינטל וויגט די וויעס פון אַ ראָזעווען באַגין.
אַ טאָג שיילט פון האָריזאָנט זיך אויס ווי א פויגל פון אַן איי.

ים האָט מיט גראָזן און בלעטער די ברעגן באַצירט,
דעם פרישטיק פאַר געסט שוין צו טישן געשטעלט דאָ,
נאָר ס׳וואַרטן אין רעדלעך די מעוועס, שפּייז נישט באַרירט,
ווי ס׳וואָלט צו דער סעודה אַ גאַסט אַ געהיימער געפעלט נאָך.

עס וועקן פון שלאָף זיך מיט פליגל־געפּאָך אַלבאַטראָסן
און לאָזן אין רוים די ערשטע פרימאָרגן־סיגנאַלן.
א שיף פּאָרט פאַרביי מיט פאַרשלאָפענע, מידע מאַטראָסן
און ווערט ערגעץ ווייט אין דער בלויקייט פאַרפאַלן.

אויף בערג באַדעקטע מיט רויזן קלעטערט די זון
און צערטלט ווי אויגן פאַרליבטע פון ווייט שוין.
אַ שטילער, א מילדער דער ים היינט, ווי נאָך א טייפון,
פון צאָרן און שטירדעס לעצטע באַפרייט שוין.

עס גייען מיר כוואַליעס ווי מתנות אין רייען אנטקעגן
און ס׳רופט מיך אי שטרענג אי פריינדלעך דער ים:
„קום, ווי אַ פאָטער כ׳וועל היילן דיך, וואַשן און פלעגן,
דיין בלוט האָט ווי מיינס דאָך דעם זעלביקן טעם.

דיין הארץ אין ברוסט, קוים די גרויס פון א פויסט,
נאָר פארעקשנט פון שטייג זיינער רייסט זיך,
מיט פאַרשלונגענע ווינטן עם ווירבלט און ברויזט,
ווייל מיט צאָרן פון צייטן עם שפייזט זיך".

„קום, כ׳וועל דיך לערנען זיין שרעקלאָז און שטאַרק,
ווי דער ים־לייב אויף כוואליעס די בלינדע צו רייטן,
דעם וואַלפיש, דעם מארוש, דעם דעלפין און שאַרק
אין דער פינצטער דערקענען פון ווייטן".

„דאָס ווילדווארג צעפוילטס, וואָס כפלט זיך גיך
און בויט אויפן שטראָם זיינע נעסטן,
אַ שמייס־טאָן מיט גבורה געשטאָלטער פון זיך,
נישט קענען זאָל טומאה דיין ריינקייט פארפעסטן".

א טאָג ווערט געבוירן, אָן דונערס, אָן בליצן, אָן ווייען.
און לאָזט זיך פון הייכן אויף סטעפעס ארונטער.
פון ווייטן די פעלדער מען גרייט שוין צום זייען.
און אַ קינד גייט אַקעגן דעם זוניקן וואונדער.

וואָלט וועד געפרעגט

ים — אַ פעלד מיט גרויע פלויטן,
אין אַ רינג אַ רונדן אויסגעשטעלטע ריי נאָך ריי,
פערד אין ווילדן צוימלאָזן פארמעסט מיט גריוועס ווייסע
יאָגן זיך טאָג־אויס, טאָג־איין,
שפרינגען איבער זיי,
אַהין, צום הויכן, בארגיקן ברעג,
ווו ס׳קומען נעכט,
ווי מיידלעך יונגע אין לבנה־שיין מיט ערשטער ליבע אין די אויגן,
און טעג,
ווי רונדע, פרישע ברויטן
פון וואָלקנקראַצער נישט צעביסן,
פון רויכן, גאַזן, קויט
נישט פארזשאווערט און פארגרויט.
אזויפיל יאָרן דרימלען אין די טיפן.
געשטאַלטן פארשוואונדענע קוקן דורך נעכט
מיט בליק צעשטערנטן ארויס.
דאַכט זיך דאָרט,
אין פעלזיקע שאָטנס באַהאַלטן,
אונטער שטיינערנע גראַטעס
שטייט נאָך אַלץ סאָקראַטעס
און קוקט אזוי באַנג
אויף די שיפן,
וואָס קערן צ׳ריק זיך פון פאָרטן
און פירן פאר אים שוין
רוים לעצטן געטראַנק.

ערגעץ, דאַכט זיך, שפּילט נאָך אַלץ אָרפעוס אויף זיין האַרף,
קלאנגען וויקלען זיך ווי פעדים פאַרביקע פון קנוילן
און פאַרשווינדן אין דעם רוים
צוזאַמען מיט דער ווייסקייט פון דעם שוים.

די זון איז מילד.
דער צאָרן נעכטיקער פארנעפּלט און געשטילט.
פריי און פריידיק דאָס געמיט,
און יעדעס גליד ווי א פיש צום ים זיך ציט.
פון ווילדן שטאָטישן געליארעם אַהער איך קום
ווי פון אן ענגן פראכט־וואַגאָן.
דאָס לעבן איינגעשרומפּנס איך שפּריית־אויס און דערוואַרעם,
טו צוריק אויף זיך די יונגקייט פון אַ מאַמע אָן,
דאַכט זיך, כ׳בין א מעווע איצט א יונגע אויף א שטיין,
מיט בליק צעעפנטן ביים ראנד פון אינדערפרי,
אַנטקעגן ים דעם מעכטיקן אליין,
מיט פליגל גרייט א הויב טאָן זיך אין פלי.

וואָלט ווער געפרעגט אצינד די וואָרצלען פון מיין שטאַם,
געשווינגן וואָלט איך, ווי אין מושל־נעסט דער קלאַם
און זיך ווענדן מיטן פּנים צו דעם ים.

בלויע טאַנצנדיקע בערג

אַ רונדע, בלויע אייביקייט אין ענדלאָזן געיעג,
מיט הימל אורצייטיק צונויפגעמישט אין רוים.
כוואַליעס יונגנט תאוהדיק צעשליידערט אויפן ברעג,
זריעה־מבול פאַרשווענדעריש צעשטויסן אין דעם שוים.

אַ פולס אַ בראַנדיקער וואָס האַמערט טאָג און נאַכט,
וואַרפט זיין כּף הקלע — אַ הויב זיך און אַ פאַל,
ווי וועלטן געהיימע ער וואָלט מיט לייב זיינס באַוואַכט
און פון גרונטן פאַרבאָרגענע, ווייטע געבראַכט אַ סיגנאַל.

קלאַנגען קאָנטראַפּונקטישע פון אויפגאַנג און צעשטער.
ווינטן ווי סטרונעס אויף די סקאַלעס אָנגעצויגן,
מיט צימבלען, טשעלאָס, פּויקן אַ געמיש. זאָגט מיר — ווער
געניט אַזוי דעם ריטם האָט צעמאָסטן און צעוויגן?

בלויע טאַנצנדיקע בערג מיט מעוועס אויף די אַקסלען,
שווייגנדיקע וואַסער־שוואַלבן קוקן אין האַרץ אים אַריין,
פעלזן, לעבעדיקע, מיט מושלען און שטערנפיש באַוואַקסן,
ווער שפילט אין אייך דאָס ליד פון לעבן און פון זיין?

זאַמדן ווי בעטן ציכטיקע מיט פריש צעמאָלענע מימאָזן,
פון טריט פאַרבאָרגענע צעווירעט אין באַגינען.
ווער האָט דעם איבערבלייב פון סעודות נאַכטיקע געלאָזן
און מיט שטערן־גלי לעצטן אין אָפגרונטן אַנטרינען?

צייט איז אָרענטלעך, זון איז מילד, ברייט איר לוין,
ווי באַצאָלן און פאַרגיטיקן געפּרוווט זי וואָלט פאַר אַלץ.
דאָס אויג איז גרין. דאָס לייב ווי אינגבער־וואָרצלען ברוין
און רגעס זוניקע ווי קרישקעס ברויט מיט זאַלץ.

מאָרגנס קומען און גייען שפּורלאָז ערגעץ־ווו אַוועק,
און ס'קוקט דער ים מיט בליק אייַנסופיקן אויף מיר.
ווי קליין אנטקעגן אים ס'איז פון יאָרן מיין פאַרמעג,
און דאָך זיין אייביקייט אין זיך אַצינד איך שפּיר.

אַ פֿאַרליבטער ים

אַ האַריקע נאַכט שלאָפֿט אויף סקאַלעס ביי די ברעגן,
ווי פֿליכטלינג אַ באַוואַקסענער אויף פּעק ביי אַ וואָקזאַל.
און דער אומרו שפּאַרט אויף העל באַלויכטע וועגן,
ווי אַן אָקס אין אַ ברענענדיקן שטאַל.

עס וואַרפֿט זיך ים ווי איך אויף זיין געלעגער
און קאָן נישט שלאָפֿן היינט אַ גאַנצע נאַכט.
אפשר האָט אים אויך דער בריון־טרעגער
אַ בשורה איצט אַזאַ ווי מיר געבראַכט.

מיט ווייסע פֿינגער די שוואַרצע ברעגן שווענקט ער
און ווינגט די וויינענדיקע ווינטן אין די שיפֿן.
איז ים ווי איך היינט אַ פֿאַרבענקטער
און טראָגט אַ פּיין ווי איך אַ טיפֿן?

מיט וואַסער־ליליעס דער הימל איז באַוואַקסן.
די לבֿנה — אַ רויטע שווימענדיקע רויז.
יאָגן איר די כוואַליעס ווי אַ מתּנה ווילדע אָקסן,
נאָר זי דרייט זיך פֿלינק פֿון זיי אַרויס.

מיט צניעותדיקן שמייכל זי גייט דעם ים אַנטקעגן
און רויטלט אַ פֿאַרשעמטע זיך דערביי.
מיט אַלע טייכן ז׳האָט גענעכטיקט אויף די וועגן,
און מאָרגן זי וועט ליגן דאָרט אויפֿסניי.

נאָר דער יונגער, דער פארליבטער ים,
פארגעבן וועט איר זינד ווי אלעמאָל
און נישט איינמאָל מן־הסתם
אויסברומען זיין ליבשאפט אויפן קול.

ים איז יונג. געבענטשט מיט לאַנגע יאָר.
ער באַהאַלט דעם קנייטש פון צייטן אויף זיין דנאָ,
נאָר איך אויף מיין פּנים און די האָר
דעם סליאַד איך טראָג פון יעדער שעה.

דער גערטנער

דער גערטנער אָפּט פּיעלען מוז זיין גאָרטן.
דאָס ווילדגראָז מיטן וואָרצל ער רייסט אויס,
אַז וואַקסן פריי די בלומען זאָלן דאָרטן,
אַז בליען פריי אויף שטענגלעך זאָל די רויז.

דער פויער יעדן יאָר דאָס פעלד צעאַקערט
און אָפּן לאָזט די טיפן פון דער ערד,
אַז קענען זי זאָל זען אליין זיך נאַקעט,
מיט אַלץ וואָס זי האָט בלינדערהייט גענערט.

דעם צאָרן, וואָס דער באַרג אין זיך באַהאַלט
פון יעדן איינגעשלונגענעם טייפון,
ער שפּאַרט געהיים אַרויס פון זיך מיט גוואַלד
און גרינגער איז עס ווערט געוויס דערפון.

נאָר פּיעלען ס'איז דאָס האַרץ דאָס אייגנס שווער,
און אויסרייסן דאָס ווילדגראָז ווי פון לאָן,
נישט וואַקסן דאָרט קיין דערנער זאָלן מער,
און מיט צאָרן בלינד נישט זידן ווי וואולקאַן.

די לוויה

צום ליכטיקן אָנדענק פון פאַני קאַפּטשוק־דעוועריפּ — איינע פון די אַכט העלדן, אומגעקומען אויף די גאַסן פון פּאַריז דעם 8־טן פעברואַר 1962, בעת דער גרויסער דעמאָנסטראַציע קעגן מלחמה און פאַשיזם.

כ'איז דער הימל — ווי אַ נעץ אַ צעפליקטע
מיט פעדעם פאַרפּלאָנטערטע, לאַנגע —
נידעריק, שווער איבער דעכער פּאַריזער געהאָנגען.
מיט טרערן פאַרגליווערטע, קאַלטע דער פאַרטאָג האָט געוויינט.
אויף צעקנייטשטע, פאַררויכערטע הייזער
ס'איז מידקייט פון נאַכט נאָך געלעגן.
די זון האָט פלוצים מיט דינע, צעציטערטע שפּיזן
אינמיטן זאַווײַ, צעווישן אַ שנײַ און אַ רעגן,
אומדערוואַרט זיך מיט אָנזאָג פון פרילינג באַוויזן,
די אויגן פון בלינדע, פאַרשלאָסענע גאַסן צעצונדן,
די קעפּ אַנטבלויזטע פון מחנות געחתמעט
און ווידער אין וואָלקן־וואַלד ווייטן פאַרשוואונדן.
נאַקעטע קליאָנען באַיאָרטע מיט פרוכט פון פאַריאָרן,
צו די אַרונס
קעפּ האָבן ברוינע געבויגן, צווייגן גענידערט צו דר'ערד.
דעם טרויער־מאַרש שאָפּענס זיי האָבן געשפּילט,
נאָר אָרעם און קליין אַנטקעגן די נעמען צעזינגענע אַכט
געוועזן זענען טענער.
און די, וועמען מאָרגנס געהערן,

פון אַלע מייסטערווערק דיינע, פראַנקרייך — דער אייביקער אָרגינאַל
איז שווייגנדיק מיט טראָט מיליאָניקן געגאַנגען,
מיט בלומען־גערטנער, ווי מיילער אָפענע, רויטע
אין פארשטומטן געשריי,
און ביים שוועל פון פער לאַ שעז
געבליבן שטיין:
עפנט, עפנט דעם טויער,
אָ, ברידער קאָמונאַרן!
די קינדער אייערע קומען!
בשורות אייך לעצטע פון גאַסן פאַריזער זיי ברענגען!
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
און דער ווינט האָט אַכט בילדער געוויגט,
פון אַ לאַכנדיקן יינגל — אַ שמייכל פאַרזייט אויף די ראָגן,
אַ יינגל פון קינדער צום קבר געטראָגן.
ס'האָט פאַריז זיין אָטעם פאַרהאַלטן.
ס'האָט די האַנט פון מאָרד אַ ציטער געטאָן.
פון דורות דאָס בלוט, די צייט האָט געמאָסטן אין קרוג,
און אַ קול האָט געענטפערט פון זילבערנע ווייטן:
„נאָך אַלץ, נאָך אַלץ נישט גענוג“.
געמישט ס'האָט האַס זיך מיט ליבע און צאָרן —
באַהעפט
און אַ זאָט, אַ געהיימען געבאָרן — — —

מיין ריכטער

די נאַכט אויף מיין געלעגער מיט לאַנגע שאַרפע נעגל
אַלע קנופּן, אַלע שלייפן פאַרשנירוועטע צעבינדט
און לאָזט מיך ווי אַ שיפל אָן אַ זעגל,
צעשליידערט אויף די כוואַליעס פון דעם ווינט.

דער טאָג צופוסנס — אַ פאַרשאָטענער פּאַמפּיי,
מיט לאַווע-לייבן פארגליווערט אין געשטרייט.
פּויסטן, שפּיזן, אַ פאַרשטשעמעטער געשריי —
קלאַפּן אין טויבע טויערן פון צייט.

כ'האָב געראַנגלט זיך מיט לעמפּערטן און טיגערס
און מיט סלינע חיהשער געוואָרן כ'בין באַשפּריצט.
ארויס פון דעם פארמעסט איך בין דער זיגער,
נאָר א שאָטן אויף מיין פּנים איז פארקריצט.

די נאַכט — מיין ריכטער, אין לאנגן שווערן ראָק,
פאַלט מיט אויגן שטרענגע, פאָרשנדיקע צו,
לייגט אויפסניי דעם וויי פון צייטן אויף איר וואָג,
און מאָנט און פרעגט און לאָזט מיך נישט צורו.

„האָט דאָס ליכט, וואָס די פינצטערניש צעצינדט,
די אויגן נישט פארבלענדט דיר אין געפעכט,
אז צו ברידער אייגענע געוואָרן ביסטו בלינד
און פאר גוטסקייט אין געראנגל געוואָרן ביסטו שלעכט?"

איז ווייך און שטיל געווען היינט דיין טראָט,
אז אויפן וועג געלאָזן האָסט קיין שטויב נישט, נאָר אַ סליאַד,
איז קערנדיק דיין וואָרט געווען ווי זאָט
און דיין שמייכל נישט קיין פוסטער, באַצוויגענער פּאַסאַד?

האָסטו אַ האַנט אַ חבר דיינעם ווען דערלאַנגט,
וואָס געטאָן ער האָט אין גאַנג זיך נאָר אַ וואַקל,
צי גאָר דאָס פלעמל זיינס געלאָשן ווען געצאַנקט
און שוין געמאַכט זיך פון זיין גורל אַ סך־הכל?

אָ, מיין הארבער, מאָנענדיקער ריכטער,
זיי שטרענגער נאָך, און מאָן, און מעסט און היט,
אַז אויף וועגן פאַרנעפּלטע, געדיכטע,
נישט פאַרבלאָנדזשען זאָלן ווידער מיינע טריט.

„פּאָסטאָינאַ גראָטאַ" *

דורך שטיינערנע ווענט, לאַבירינטן פּאַרסטאָיעטע, קילע,
ריפּן, תהומען און שלונגען אין בויך פון דער ערד,
מיט טייכן פאַרגליווערטע שווארצע,
מיט שאָטנס פּעלזיקע שאַרפע, וואָס כפלען אין זיך די געשטאַלטן,
דורך וועלדער מעטאמארפישע מיט שוואָמען קאלכיקע, שווערע באַוואַקסן,
און ריחות פון געווירצן אין טעפּ מינעראַלישע
מיט סולפאט און קוואַרצן געדעמפּטע
צוריק, צום בראשית פון וועלטן געהיימע,
איך פאָר,
צום הונדערט-אויגיקן, פארשלומערטן, ליכטלאָזן חלום
פון האַלבוואַכיקע, וויברירנדע קראָמאָזאָנען,
צום עמבריאָ פון יצירה,
ווו ס'האָט דאָס טויזנט-שפּוליק שפּינדל פון צייט
געוועבט, געשטריקט און געפורעמט,
מילי-מיליאַסן מיראַזשן און וויזיעס
מיט צייט-פינגער טייכיקע, לאַנגע, פארבאָרגענערהייט,
גערודליק און שטום,
טראָפּ
נאָך טראָפּ

---

* אַ פּרע-היסטאָרישע, צוואַנציק קילאָמעטער לאַנגע הייל, נעבן לובליאַנאַ, יוגאָסלאַוויע. באַרימט מיט אירע פאַנטאַסטישע, 20 מיליאָן-יאָריקע קאַלך-פאָרמאַציעס.

אויסגעטראָפנט.
רעגנבויגנס מיט זאַפטן פון שטערן,
בלוטן בלויע פון רוימען געמישט
און מיט שעוועליורן פון קאָמעטן זיי לאַנגזאַם געמאָלן.
מיט בליץ געפאַנגענעם די נאַכטיקע מושלען איך שפּאַלט.
אין הארץ פון דער ערד
טורעמס מיט בראָנזענע שטיגן זיך צינדן,
בערג מיט זאַפירן, קאָראַלן, גראָזן גרינע פון דזשאַד,
גערטנער סטאַלאַגמיטישע מיט סודות, ווי נים אויף די צווייגן,
קאַלאָנען קרישטאלענע ווייסע — פון הימל און ערד די
בענקשאַפט סטאַליִרטע

פון יאָרן דער דראַנג,
פון וואָלקנס און באַרגיקע וואָרצלען דער בונט.
דורך פעלדער געדיכטע מיט פּראָסטיקן צווים פון אָלעאַנדער,
דורך אַקס פון סימעטרע מיט פּאָרמען און פארבן פון צייט
פארכישופט דורך מיילן איך וואַנדער.
אַ האַנט פון אַ פעלז — אַ שטומער געשריי,
אַ זקן אַ מידער מיט שטעקן אין האַנט,
דאַכט זיך אים ערגעץ געזען כ׳האָב שוין לאַנג,
א מוטער אין גרוי מיט קינד אויף די הענט, פארפראָרן אין גאַנג,
פארליבטע א פּאָר אין קליידער פון מאָך
מיט פּאָרהאַנג פון העלפאַנט־ביין דינעם באַצויגן
קוקן פון פעלזן־עסטראַדעס מיט שלומער פאַרשטאַרטן מיך נאָך.
מאָנסטערס פון חיה, פיש און מענטש אַ געמיש,
מחנות געביישטע, אין פחד געשמידטע, צו היילן פינצטערע פירן.
אין ריטשקעלעך שטילע צופוסנס, סאַלאַמאַנדרעס בלינדע,
מיט הויטן דורכזיכטיקע, בלויע זיך שאַרן,
ווי זיי וואָלטן מיט האָריקע דינע אנטענעס די טריט שוין געהערט
און געפילט פון ווייט די געפאַרן.

ווי אַ טאָרקואַז־בריק, אַ טייך אונטער מיר,
מיט פייער־פיגורן ווי פּאָספּאָר צעפלאַמטער אין שטראָם,
פליסט דער טייך פון פאַרגעסונג פאַרביי דאָ?
קומען די טויטע אַהער דעם זכרון דערטרינקען?
ווער זענען די שטיינערנע, שטומע געשטאַלטן?
האָט אַ מאַגישע האַנט זיי פון וועלטן צעשטערטע געבראַכט?
די אַלעבאַסטער ווייסע פעלז־קאַטעדראַלן,
די שלעסער מיט אוצרות פון טראַנען אוראַלטע
די אָרגלען, האַרפעס, פרעסקאַס, דיוואַנען
פאַר זיי דאָ געגרייט?
פון וואַסערפאַל־שוימען די שלייערס, לאַנגע אויף קעפּ,
אין קליידער פון אָפּאַל, שאַמאַט און שטיינזאַלץ
אויף שפּיזן פאַר זיי דאָ געשטריקט?

דעם שטיינערנעם טאָג־בוך
מיט שאַרבנס, סקעלעטן, אורמענטש און חיה געפּעכטן —
די בײַן־יעראָגליפן פון צײַט
ביז שריפט פון דור מײַן לעצטן איך לייען.
ביי דער וואַנט מיט פאַררויכערטע שוואַרצע קרישטאַלן איך שטיי,
פאַרטיזאַנען אין שפּליטערס פון שפּיגלען צעפּלאַצטע,
פון שרפות פאַרקילטע,
די וועגן פון גראָטע צום זוניקן טויער באַלייכטן.

אין טייכן פון עכאָס דעם וויין פון אייביקייט כ׳טרינק
דאָס קאַלטע, פייכטע מויל פון צײַט מיך באַרירט ס׳האָט אַצינד
אין מיט שפּינראָד געהיימער אין געוועבן מיך אירע פאַרשפּינט.

ביים ראַנד

געלע שלאָפלאָזע נעכט מיט מײַלער פון קאַרבאָל
קריכן פאַרטאיעט אַרײַן אין שפּיטאָל
און סודותדיק שטרענג מיט שאַרף פון לאַנצעטן
ציען זיך לויערנדיק אויס אויף די בעטן.
אויף שטײנערנע דילן מיט שאָטנס פאַרשריבן
סאָוועס שוואַרצע זיבן
שטריקן, שטריקן בערג מיט לײַן,
און איך קײַקל זיך אין זײ
ווי אויף פעלד באַדעקט מיט שניי.
ווײַסער לײַן, ווײַסער לײַן,
זאָג פאַר וועמען וועסטו זײַן?

געלע נעכט אין שטײַפע, שורשיקע כאַלאַטן
הוידען זיך אויף לעמפּלעך פון פּאַסאַדן.
און זקנים גײַן, צעאַקערטע פון יאָרן,
קלאַפּן טשוועקעס אין אַן אָרון,
נאָר אײנער — ווי איז מיר און ווינד —
פון די זײדעס איז נאָר בלינד.
איי דו זקן, בלינדער זקן,
גאַנצע נעכט ביז די פאַרטאָגן
מיט דײַן האַמער, מיט דײַן שווערן
האַקסטו טשוועקעס אין מײַן שטערן!



געלע נעכט מיט קילע פארדעכטיקע גענג
קוקן אָן מיך שטראָפנדיק שטרענג,
און איבער מיר שוואַנען צוויי רויטן ווייַ
ניסן לאנגזאַם אין די וועגעס מיר אריין.
ווייסע שוואַנען, זאָגט מיר, ווער מיין שאָטן וועט צעשערן,
אַז ער זאָל נישט שיכור ווערן?

געלע נעכט מיט שווערן באַלאָד.
קוויטן געקרייצטע אויף שטענגלעך פון דראָט.
רויטע, ווייסע, געלע פעטאַלן
פאַלן. פאַלן. פאַלן.
ווי טיף זענען תהומען? ווי ברייט זענען ריפן?
איז יעטוועדער דנאָ אַ טיר נאָר צו נייע, ענדלאָזע טיפן?
באַרג אַראָפּ. באַרג אַראָפּ. באַרג אַראָפּ.
די צייט אונטער מיר אליין שטעלט זיך אָפּ.
פון שטימעס איך הער נאָר אַ ווייטן וויבריר,
ווי עכאָס פון טענער אין האַרץ פון קלאַוויר.
אַ שוואַרצע קאַמיליע אין בויך פון דער ערד,
אַ קישן אַ ווייכע מיר ווערט.
כוואַליעס נאַכט, כוואַליעס רו
דעקט מיך צו, דעקט מיך צו.
אויפן ברעג פון אַלע סופן,
איך וויל שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן.

געראנגל

מיין בעט —
אַ פרעמדער, איינזאמער פּלאַנעט
אינמיטן רוים,
צעווישן וואָלקנס, נעפּלען און שוואַרץ־געדיכטן שוים
וויגט זיך שכורדיק, דרייט.
דאָס מויל מיט ווייטיק פארנייט,
דאָס לייב ווי ערד, מיט נאָדלען צעאַקערט און צעגראָבן
איבער מיר — מחנות מעטאלענע ראָבן
הויערן נידעריק אום אין א ראָד.
הענט מיינע — זאנגען הארטע מיט זאָט.
רייפע צום שניט, גרייט צום געדרעש.
אַ ווינטל דאָס ליכט אין אויג מיר פארלעשט
און וואָיענדיק יאָגט זיך אין נאַכט־קאָרידאָרן
פון פארנעפּלטן זכרון.
באַנען פינצטערע, וואַגאָן נאָך וואַגאָן,
גייען אָפּ. קומען אָן.
קיין קול. קיין טריט. קיין מענטשלעך געשטאַלט.
דער ווינט נאָר מיט פינגער מיך קאַלטע באפאַלט,
טירן צעעפנט מיט ווידטן געסקריפּ,
ווי ליב ס'וואָלט א בליק איצט א נאָענטער געווען, ווי ליב.
מיר דאַכט אלע זינד
פארגעבן כ'וואָלט קענען אצינד.

אַ קינדעריש געוויין, אַ לעצטער דיאַלאָג
זיך מישן צונויף ביים ראַנד פון פאַרטאָג
און ציט מיך אַהין און צוריק,
פון בעטל צום קינדערשן וויג.
בין איך אַליין דאָס הילפלאָז געוויין?
ווינטן בלוי, ווינטן גרין,
מורמלען אין אויער מיר סודותדיק דין:
דו פאָרסט אַוועק,
דו פאָרסט
אהין צום ברעג פון אלע ברעגן
דיין גוף אַליין דיר זיין וועט אַ פאַספּאָרט.
צעשייד מיט אַלץ זיך און געזעגן.
מיין בעט — א פרעמדער, איינזאמער פלאַנעט,
מיט ווענט פון גראָז, מיט דאַך פון שטיין —
ווייט, ווייט פון זיך אליין.
אָ, לעבן מיינס, ווי ביטער ס'איז דיין כוס
דאָך אַ טראָפּן, נאָך אַן איינציקן מיר טרינקען לאָז,
מיט אַלץ וואָס אין מיר ס'איז נאָך פאַראַן
איין רגע בלויז מיט נעגל הענגען אויף דיין באַן,
איין גראָז א גלעט טאָן נאָכאמאָל
און דאַן, וואָס זיין באַדאַרף — זאָל!

דערוואַכונג

אויף די שויבן פון שפּיטאָל
שלייכן שאָטנס לעצטע פון דער נאַכט.
אַ בראָנזענער באַגין מיט מאַסטן פון קרישטאָל
שווימט פון רוים צעכוואַליעטן ארוים,
לאָזט זיינע אַנקערס אין מזרח אַרונטער
און אויף אָקסנאַויג רויטן זיין שטריקלייטער וואַרפט.
ערגעץ ווייט
הענגט מען אויפן הימל פריש געפאַרבטע ראָלן זייד.
אַ שער א זילבערנע ראָל נאָך ראָל
אויף פּאַסן לאַנגע זיי צעשערט
און שליידערט צו דער ערד.

אַ גאַנצע נאכט דעם שליסל־קלאַנג פון שלאַקסן כ׳האָב געהערט.
ס׳האָט דער וואסערווינט אין פינצטערניש זיין זאָט פארזייט,
וועלן מאָרגן, רעגנס ווידער וואַקסן.
נאָר אין מיין לייב טריפט נאָך אלץ און טריפט
פון נעכטיקע רעגנס, דער פארבלייב.

מיר דאַכט אצינד איך בין די ערד
מיט אייז צעגאַנגענעם אין זיך,
קוואַלן שטילע, אונטערערדישע
גיסן זיך צונויף,
וואָרצלען פארטריקנטע, דאַרע, וועקן פון דרימל זיך אויף
ציען זיך, הויבן און שפּאַרן פון מיר מיט זאַפטן נייע ארוים.
סנאָפּעס זוניקע אין גאָלדענעם צעבינד,

נאַרציזן־וויג מיט פייגל־ציפּץ און בלאַט־געפּליעסק,
אייביקייט אין זוניק, זאַנגיקן געדרעש,
איך בין א פינטל פון דיין אויג,
דאָך אין אייביקייט אליין מיר דאַכט איך בין אצינד.
אויף די ברעגן פון מיין הארצן זינגען מיידלעך יונג פארליבטע
ביים געוועש,
אין אויגן מיינע פירן פאַסטוכער די טשערעדעס צום פעלד.

גוטמאָרגן דיר מיין בראָנזענער, מיין יונגער אינדערפרי
מיט אויפגעוואכטן שטאָטישן געליאַרעם,
מיט טריט מיליאָניקע, ווי וואַסערפאַלן פרישע אויפן ברוק,
וואָס טראָגן שוין דעם שוויים און מי
צום שפּע־פּאָרט פון לעבן.
אָ, איר אויגן ערלעכע,
ווי ווערבעס פארליבטע אין טייך —
איך שפּיגל זיך אין אייך.

ער שרעקט זיך פֿאַר אַ קרישקעלע געלעכטער

דעם אומעט כ׳טראָג אין זיך פֿון קינדערווייז אָן,
ווי אונטער וויעס באַהאַלטענע די טרערן.
ער וואַרט מיך שטילערהייט אַ וואַרג צו טאָן,
ווען קענען כ׳וועל זיך מער נישט ווערן.

ער היט און מעסט די נעכט, די טעג,
ער וואַרט ביז בלייבן כ׳וועל אַליין;
ביז פֿריינד דער לעצטער וועט אַוועק,
ביז זון אין פֿענצטער וועט פֿאַרגיין.

צום ערשטן מאָל דערזען אים קלאָר
איך האָב אין טאַטנס פֿרומע אויגן,
אויף מיין זיידנס לאַנגע, ווייסע האָר,
כ׳האָב אים פֿון ברוסט מיין מאַמעס אויסגעזויגן.

טאָג און נאַכט ער היט מיך ווי אַ וועכטער
און יעדן טראָט מיט מיר בייַנאַנד ער שטעלט.
נאָר ער שרעקט זיך פֿאַר אַ קרישקעלע געלעכטער,
נאָר ער ציטערט פֿאַר מיין ליבשאַפֿט צו דער וועלט.

ס׳וועט מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג

איך וועט אויף אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג —
ס׳וועט מאָרגן זיין א שיינער טאָג
און ווי אַ גאָלדענער באַלון,
ס׳וועט מאָרגן לייכטן העל די זון.
פון די גרויע וואָלקן-קנוילן,
וואָס דעם הימל היינט פאַרהוילן
און דריקן טריב אזוי און שווער,
קיין זכר בלייבן וועט נישט מער.

ווי א וואָלף דער היינט באפאלט אונדז,
בויגט די רוקנס און מאַכט אַלט אונדז,
צעטרעט, צעדרויבעט און צעשיינדט
אַלץ וואָס זאפטיקט נאָך און גרינט,
אז טראכטן שווער אפילו ווערט,
ס׳וועט ווידער בליען וועט די ערד,
און פרילינג קומען וועט אויפסניי —
דאָך מאָרגן זיין וועט אלץ פאַרביי!

איך וועט אויף אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג,
ס׳וועט מאָרגן זיין א שיינער טאָג.
נאָך די וויוגעס, נאָך די שלאַקסן,
וועלן גערטנער ווידער וואקסן,
די פרוכטן רייפער וועלן זיין,
רויטער נאָך אין כוס דער וויין,
און אויב דו גלויבסט, איז שוין דערפון
געבוירן ווערט א נייע זון!

עס שאָקלט זיך דאָס האַרץ שוין ווי אַ צאָן

עס שאָקלט זיך דאָס האַרץ שוין ווי אַ צאָן
און דאַכט זיך לעבן גאָר איך הויב ערשט אָן.
ווי שטענדיק דורשטיק איז דאָס אויג.
אין ברוסט נאָך אַלץ דער זעלביקער געפּויק
פון טאַם־טאַמס ווייטע און טאַמבורן —
פון פאַסטוך אורזיידעס די שפּורן.

דער אומרו צוימלאָזער נאָך אַלץ מיין שטראָף,
ער וועקט ביינאַכט מיך אויף פון שלאָף
און סודותדיק אַהין צוריק מיך פירט
וווּ נישט דערגרייכט און נישט באַרירט
עס האָט דער מעסער־שאַרף פון יאָרן
פאַרבליבענע אין בונקערס פון זכרון.

היים און שוימיק ס'בלוט נאָך אין אַרטערן,
טרוימען גרין און יונגע נאָך באַגערן,
ווי אַ גאַסט ביי זיך אַליין איך הייב זיך אויף
און מיט נייגיר קינדערשן איך לויף
אין קלימפּער שטאָטישן, אויף געסלעך פון פּאַריז,
ווי אומעטום דערוואַרט כ'וואָלט אַ סורפּריז.

ווי ראַדאַר ס'איז מיין אויער אָנגעשטעלט
צו אַלע עקן פון דער וועלט
און יעדער צאַפּל, יעטוועדער וויבריר
פון אומעטום עס גרייכט אַהער צו מיר.

ציִיט איר ברוכוואַרג טיף אין האַרץ מיינס לאָזט,
ווי טייך אויף דנאָ די שטיינער און דעם ראָסט.

ס'עם שאָקלט זיך דאָס האַרץ שוין ווי אַ צאָן,
און אויב עס זאָל דעם לעצטן צאַפּל טאָן
ערגעץ־ווו אין טוליערי, אויף סען־זשערמען,
אויף באַנק מיט פּאָרלעך פאַרליבטע ביי דער סען,
און אפשר אויפן פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד, —
אַלץ איינס, אַלץ איינס, צי דאָ, צי דאָרט,
נישט גלויב, געזאָגט שוין כ'האָב דאָס לעצטע וואָרט.
איך דרימל בלויז, אַ שפּאַס אַזאַ, אַ שפּיל,
ווייל הערצער איך האָב דאָך אַזויפיל.

אומרו

עס שלאָפֿט שוין די לבֿנה אויף אַ באַרג מיט היי.
און דאָס טייכל זינגט אַ וויג־ליד אינדערשטיל.
ערגעץ טשווירקעט נאָך אין נעסט אַ וואָראָביי
און נאָכאַנאַנדיק ענטפֿערט אָפּ דער וויפּאָוויל.

אַ נעץ מיט פֿישלעך גאָלדענע — דער הימל.
עס פֿאַלט איין צאַפּל גאָלדיק אויף מיין דאַך.
דער וואַלד, דער באַרג, באַצווינגען שוין מיט דרימל,
נאָר איך בין אַלץ נאָך פֿיבערדיק און וואַך.

אין דער פֿינצטער ווערן ברעגן ווייטע נעענטער,
העכער ווערט אַ יעדער זאַלפּ, אַ יעדער שאָרך.
איך ריר מיט פֿינגער אָן די גרענעצן פֿון לענדער,
צו דער וועלט איך לייג מיין אויער צו און האָרך.

אין ביינאַכטן זעען אויגן מיינע בעסער,
אַ יעדן פֿונק, וואָס האָט אַ ליכט פֿאַר מיר געשפּרייט,
און די בענקשאַפֿט ווערט נאָך גרעסער
צו די, מיט וועמען גורל האָט צעשיידט.

אין דער פֿינצטער לאָזט זיך אומרו נישט פֿאַרוויגן.
שווערער ווערט אויף פּלייצעס מיר דער עול,
און דאָס האַרץ, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געשוויגן,
ווי אַ לייב צעברומט זיך מיטאַמאָל.

קום מענטש

קום מענטש,
כ׳וועל אָנטאָן אַ קרוין דיר,
פאַר קעניג דיך זאַלבן,
אַ קעניגרייך געבן, פון שנאה קיינעמס באַדראָט,
פון מאַכט נישט באַוואַכט.
ליבע זיין וועט דיין שווערד,
אויגן אַ ברודערס — דיין שפיגל,
צו זען און צו מעסטן דיין אייגענעם ווערט.

קום מענטש,
כ׳וועל זאַפט פון סעזאָנען מיט בלוט דיינס צעמישן,
אַז רייפקייט פון גאָלדענע האַרבסטן
דיין דורשט פון דער יוגנט זאָל שטילן.
און דעם פרילינג אין זיך
אין טעג זאָלסט אין פראַקטיקע פילן.

קום מענטש,
צו טעכטער דיינע, כ׳וועל די צאַרטקייט אומקערן צוריק,
זיי זאָלן ווי זעלנער מיט ריחות פון שלאַכטפעלד נישט שמעקן.
מיט שמייכל פון אומשולד
די פנימלעך קינדערשע כ׳וועל ווידער באַדעקן,
זיי זאָלן ווי זקנים די פירות נישט טראָגן פון פיין.

קום מענטש,
דיין נאָמען כ'וועל זאַלבן,
אַ קעניגרייך געבן,
ווו ס'האַרץ פון דער מענטשהייט וועט אַ היימלאַנד דיר זיין,
דאָס פּנים פון פרידן — דיין געזיכט,
געוויסן — דיין ריכטער און געריכט.

שלום־עליכם

אין אַ קאַלטן קעלער־הויז, אין אַ שטעטל אַ פֿאַרגרויטן,
פֿון וועלטן אָפּגעצאַמט מיט הויכע, שטעכלדיקע פּלויטן,
אין אַ געסל אַ פֿאַרזונקנס אין בלאָטעס און אין גריבער,
אין אַ הויף אַרומגעצאַמט מיט פּוסטע, הויקערדיקע שטיבער,
ווו גרינלעך־געלע טרינקען זיך אין קאַלוזשעס די זונען,
מיט טעג צעוואָלגערטע ווי קויטיקע, צעריסענע באַלונען,
מיט אַ בינטל יונגע יאָר, צעכליפּעט אין די הענט,
איך האָב, שלום עליכם, דיך צום ערשטן מאָל דערקענט.

אויף פּנים מיינס, מיט פֿרייד אין ווינקל נאָך פֿון נויט אַרויסגעריסן,
עס האָט אַ שמייכל זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן.
און פֿון דעמאָלט אָן, עס האָבן דיינע אויגן קלוגע מיך באַגלייט,
אין אַלע וואַנדערנישן מיטגעגאַנגען, קיינמאָל זיך מיט מיר
שוין נישט צעשיידט.

דיינע טעכטער מיר ווי שוועסטער זענען לייבלעכע געוואָרן,
אויף אַלע שיפֿן, אַלע באַנען — צוזאַמען זענען מיר געפֿאָרן.
אין שעהן פֿינצטערע, פֿון דיר מיין טרייסטער ליכטיקער, איך לערן
מיט אַ געלעכטער קוקן אויפֿן ראַנד און נישט פֿאַרצווייפֿלט ווערן.

שלום־עליכם, ווי דער שטאָל געשמידטער אייפֿל־טורעם,
נאָך אַ מבול, נאָך אַ שטורעם,
זיין שטערן־קרוין דורך נעכט צעהעלט —
אַזוי דיין נאָמען לייכט אַצינד אויף אַלע גאַסן פֿון דער וועלט.
פֿון האָדסאָן ביז דער וואָלגאַ, פֿון ווייסל ביז דעם ניל,
דער באַרג־מענטש פֿון די פֿעלזן, דער מיינער פֿון די תהומען,

ווי פרידן־טויב, די ווייסע, באַגעגנען וועט דיין נאָמען.
„באָנאַם דיאַס״ זאָגן וועט דער זינגענדיקער, מעקסיקאַנער אביון
צו דיין גוטמוטיקן טביהן,
וואָס אין צער דעם גרעסטן געקאָנט אַזוי האָט לאַכן
און דורך געטאָ־ווענט פאַרמאַכטע דעם מענטשן ליב האָבן
אויף אַלע שפּראַכן.
„באָן זשור״ אים זאָגן וועט דער פריינדלעכער פראַנצויז,
ביים טיש זיין יום־טובדיקן אין זיין ענגן, דלותדיקן הויז,
נאָך דער אַרבעט אים באַגריסן וועט דער שמידער און דער טאָקער
דיין שניידערל, דעם טרומערל, דיין שימעלע סאָראָקער.
און קינדערלעך פון טשילי מיט שוואַרצע, קרייזלדיקע האָר,
וואָס ארבעטן אין שאַכטעס שוין צו זיבן יאָר,
דיין מאָטל פייסי וועלן טרעפן מיט העלנטלעך אויסגעבלייכטע, דינע,
און גיין מיט אים דאָס אוצרל אין באַרג באַהאַלטענעם געפינען.
טעכטער ברוינע, שוואַרצע, ווייסע פון לענינגראַד ביז אָקינאַווע
מיט אָרעמס אויסגעצויגענע אַרומנעמען זיך וועלן מיט דיין חוהן
און מיט אויגן פול מיט ליבע שמייכלען מיידלש, צאַרט,
ווי זיי וואָלטן לאַנג, שוין לאַנג אויף איר דאָרטן געוואַרט.

און דיינע שלומהס, דיינע חיימס, ווי די שיפבּרוכן צעזייט
אויף אַלע ברעגן —
זיי וועלן קומען אומעטום, ווי קינדער דיר אַנטקעגן,
פלי, שלום עליכם, פלי, דיין ליבשאַפט צו הערצער אלע זאָל דערגרייכן
און דיין נאָמען פון פרידן זיין אויף אייביק זאָל אַ צייכן.

בליאונג

עס שמעקט מיט לאַנדיש, דאַפידילן און מיט בעז.
אַזויפיל בלויקייט, נאָר וואָס טויג עס.
אז מיין ליבסטער איז היינט ברוגז
און קוקט מיט אויגן קאַלטע ווי אַ מת.
אין יעדער בלום איך הער אַ שטים: „פאַרגיב“, „פאַרגעס“.
מיט יעדן מענטש איך וואָלט זיך היינט צעקושן.
איך צי זיך אויס אויף גאָרטנס גרינע פּליושן
און וואַרט אַצינד פּאַסירן זאָל אַ נס.
כ׳האָב אויסגעפלאָכטן זיך אַ פּעכער
פון זאַפלאָרן, ביגאָניעס און נאַרציזן,
פאַר מיין פאַסטוך — דעם בלאָנדן, שווייגנדיקן טאָג.
פון אַלע פייגל פליען כ׳וואָלט היינט העכער.
אָ, מיין פריינד, ווען דו וואָלסט וויסן,
וויפל גערטנער טיף אין האַרצן מיינס איך טראָג.

טעג

טעג ווי ווייסע, שווימענדיקע שוואַנען
מיט שלום־בשורות צו די פליגל צוגעבונדן
קומען איינער נאָך דעם צווייטן און פאַרשווינדן.
קיינער ווייסט וווהין. קיינער פרעגט פון וואַנען.
נאָר מיין חלום גרינט צופוסנס פון ווולקאַנען,
און וועזוווויוס קען באַלד עפענען זיין קראַטער
אינמיטן ווייסן, שוואַניקן געפלאַטער
און פאַריאָגן אַלע פרילינג־געסט פון דאַנען.
אַ טעג, מיינע פרישע, פעכלדיקע וואַסערפאַלן,
אויף שפיצן פינגער, אויסגעצויגן סטרוניק,
איך שוועב אין אייער קרייז ווי אַ טאַפּיר.
אין ווייסע ווייטקייטן איך ווער פאַרפאַלן
און בלאָנקע אום אין רוים זינגענדיק און זוניק
ביז דעם אָטעם פון דעם מאָרגן איך דערשפיר.

אַ ניגון

נישט קיין זילבערנע דוקאַטן,
נישט קיין זעלטענע אַנטיקן
כ'האָב געירשנט פון מיין טאַטן,
נאָר אַן איינגעשפּאַרטן ניגון.

ס'איז נישט גלאַט אַזוי אַ ניגון
פון אַ בעטלער אויף די ראָגן.
ווו איך הער מיין ברודער זיגן,
האָט זיין פאָלק אים דאָרט געטראָגן.

ס'האָט מיין טאַטע מיר פאַרטרויט,
ער האָט דורך גראַטעס אים געהערט.
אַ פאַרמשפּטער צום טויט
געלאָזט האָט אים אויף ד'ערד.

מיט מיין שטילער יונגער מאַמען
ער האָט אין געטאָ זיך צעשיידט
און פון יעדער הויז אין פלאַמען
די לעצטע קויל באַגלייט.

מיט מיין ברודער אין די ראָוון
ער האָט געפאַנצערט סטאַלינגראַד,
ס'האָט אַ קויל זיי דאָרט געטראָפן,
נאָר דעם ניגון נישט געשאַדט.

מיט מיין ווייסן עלטער־זיידן
ער האָט דורך לענדער זיך געשלעפּט.
אויף מיין זיידן וואַקסן לאַנג שוין קוויטן,
נאָר דער אַלטער ניגון לעבט.

נאָך אַ יאָר

נאָך אַ יאָר — אַ לאַבן ברויט אויף פענעצער צעשניטן
און אויפגעגעסן ביזן לעצטן בים,
נאָר דעם הונגער נישט געשטילט, דעם אומרו נישט געביטן.
אויף הויט פון צייט קיין קנייטש, קיין ריס.

אַזויפיל יאָרן זענען שוין אין מיר פאַרגאַנגען,
נאָר געוואָרן אַלץ מיט זיי איך בין נישט זאַט.
סנאָפּעס טעג איך שנייד, ווי דער פויער רייפע זאַנגען,
און אויף נייע כ'וואַרט, ווי אויף זון די בלאַט.

אַזויפיל וווּנדער אין יעדער רגע ווערט געבוירן,
און צו יעטוועדער פון זיי זיין איך וויל אַן עדות.
אויף דער באַן פון צייט צום מאָרגן-מענטש כ'וויל פאָרן
יען די קינדער, די יונגוואַרג און די זיידעס.

אַ קוק טאָן כ'וויל אויף זיי כאָטש פון דער ווייט
און קענען זאָגן איך זאָל דערביי —
דורכצוגיין די פעלזן און די תהומען פון מיין צייט
געווען עס איז כדאי!

כ'וויל לעבן, לעבן, לעבן אַזוי לאַנג
ביז זיין מיט פרייד דאָס האַרץ וועט זאַט,
און פאַלן כ'זאָל אין שענסטן זון-פאַרגאַנג
ווי פון אַ בוים אין האַרבסט די בלאַט.

אָ, איר מאָרגנס אויסגעלייטערטע, ווען אייער דור
גיין שוין זינגענדיק וועט באַרג אַרויף
און טרוימען אונדזערע זיין וועלן שוין וואָר,
אונדז בלייבן איר וועט אַלץ נאָך אַ בעל-חוב.

וואָס זאָל איך טאָן?

וואָס זאָל איך טאָן?
ווען שטילערהייט
און אומדערוואַרט
עס קומט מיר אָן אַ כוואַליע פרייד,
טוט אַ שטויס, אַ וואַרג,
דאָס מויל צעעפנט, ווי ווולקאַן דעם באַרג,
און איך זינג.
אַלץ וואָס בייז און בלינד פאַרשווינדט.
טרוים ווערט וואָר,
פלינק מיין גאַנג,
ווייט מיין בליק,
פעק מיט זאָרג — פעדער גרינג.
אויף אַלע שטעט וואַקסט פרייד און זעט.
אין יונג און אַלט, אין שטיין, אין גראָז,
איך הער געזאַנג.
און מיר טוט באַנג,
איך בין קיין ווינט,
וואָס זאָל יאָגן
און צעטראָגן מיין געמיט.
צו אַלץ אַרום מיך ציט.
ווו מענטש נאָר שטעלט זיך אויף און אָטעמט פריי,
בין איך דערביי.
ווו איך זע אַ פויגל פליט,
פלי איך מיט.

ווי אַ שיף אין ווי אַ צוג,
לויף איך נאָך און כאַפּ אַ קוק.
אין יעדן לאַנד עס וואַרט אויף מיר אַ פריינד.
אומעטום עס שפּראָצט אַרויס דאָס גליק.

וואָס זאָל איך טאָן?
איך זע דעם מאָרגן שוין אין היינט!
פון הויז צו הויז, פון שויב צו שויב,
עס גייט דער אשמדאי מיט טויזנט קעפּ,
באַהאַלטן אונטער אומשולד פון אַ שאָף,
און צייכנט אָן זיין רויב
אויף מאָרגן צום פאַרצוקן.
אַ שרעקלאָזע איך שטיי אַנטקעגן אים,
מיט קאָפּ פאַרריסענעם און אויסגעגלייכטן רוקן.
איך באָרג ביים מאָרגן אויס זיין סוף —

אָט זע איך פון דערווייטן
מיינע ברידער זיגרייכע שוין רייטן
מיט לאָרבער-קרענץ ווי קרוינען אויף די קעפּ.

וואָס זאָל איך טאָן?
ווען ס׳קומט מיר אָן
אַ כוואַליע פרייד?
ווי אַ געליבטן צו דער באַן,
אַ טאָג אַ יעדן איך באַגלייט.

איך ווייס, נישט אומזיסט
דער טאָג פאַרגייט,
קיין זיפץ, קיין קרעכץ, קיין טרער
דאָס אויג פאַרגיסט,
ווען וועג פאַרווים איז האַרט און שווער.
וואָס זאָל איך טאָן?
איך זע אין ווינטערדיק פאַרשנייטן פעלד
רויטקייט פון צעבליטן מאָן,
און אויף אַלע דעכער פון דער וועלט,
דאָס האַרץ דאָס מענטשלעכע — די רויטע פאָן.

טראָג איך היינט אַ שירעם פאַר די אויגן

ליכטשטראַל, קום אַרוים פון דיין באַהעלטעניש
און נעם מיט פינגער וואַרעמע די וועלט אַרום.
פון אומעטום עס יאָגט אַזאַ מין קעלטעניש,
וואָס פאַרגליווערט און מאַכט שטום.

שנאה־רעגנס טריפן פון די הייכן אַזוי טריב
און אויגן קוקן מרה־שחורהדיק פאַרשטאַרט,
ווי אָנגעגנומען אַלץ זיי וואָלטן שוין פאַר ליב,
און די זון שוין מער אין ערגעץ נישט דערוואַרט.

ווינטן בייטשנדיקע, וואָיען וואָלפיש איבעראַל,
און יונג און אַלט אַצינד איז נאַקעטדיק און לער,
ווי אין וואַלד אין האַרבסטיקן נאָך בלעטער־פאַל,
ווען זומער־לעצטקייט טאַנצט אַליין אויף זיין צעשטער.

אויף ראַנדן פון באַגין, אויף טישן פון פאַרגאַנג,
רויכערן זיך טעג, ווי קעסלען קאָכעדיקע, פולע,
מיט אַ שווימיקן, פאַרשיכורטן געטראַנק,
און שאָטנס דרייען זיך און האָפּען אום ווי דולע.

אין זומפּן טרינקט זיך נעכטנס רעגנבויגן
און ריחות שטיקן ביז צום ווערגן,
טראָג איך היינט אַ שירעם פאַר די אויגן,
אַז קיינער זאָל מיין ווייטיק נישט באַמערקן.

מיט אויגן אָפענע

מיט אויגן אָפענע דורך וועלט איך גיי,
מיט שליסל צו איר סודותדיקן שלאָס.
מיט פרילינג יעדן כ׳גריס זיך און דערפריי.
אַ קרוב ס׳איז אַ בוים מיר און אַ גראָז.

ס׳איז דער אַלטער וואַלד מיין זיידע,
פון יונגן ים איך בין אַ קינד.
איך קום און לערן זיך ביי ביידע,
ווי מען שטורעמט, ווי מען גרינט.

איך פאָרש די סודות פון די שטערן,
איך מעסט די קלוגשאַפט פון דער בין,
אין אַלץ, וואָס איז און האַלט ביים ווערן,
איך זוך דעם שכל און דעם זין.

ווינטער כ׳קוק אויף ווייסן פעלד,
וואָס וואַרט גערולדיק אויפן מײַ,
ווען אַלץ וואָס וויאַנעט און וואָס געלט
בליט פאַנאַנדער זיך אויפסניי.

אַ וואָרצל ערגעץ אַ פארדאַרטער
איך זע פון פעלז זיך רייסט צום רוים
ביז דעם הארטן שטיין צעשפּאַרט ער
און עס וואַקסט אַרויס אַ בוים.

פון פעלד פאַרעקשנט זיין איך לערן,
פון בוים די וואָרצלען טיפער ציען,
אַז נאָך אַ ווינטער, נאָך אַ שווערן
איך זאָל שטאַרקער קאָנען בליען.

מיסיסיפּי

מיסיסיפּי, פון אַלע שטאַטן — דיך מאַגנאָליע־שטאַט מען רופט,
דיין עמבלעם — אַן אָדלער און אַ צווייגעלע אָליוון,
דיינע טעג — ווייסע קאַטן־פעלדער, מיט מאַגנאָליע־דופטן,
פון שפע, דיינע ביימער בייגן זיך צו דר׳ערד.
באַנען און באַרזשעס,
אויף די פלייצעס פון טייכן, אַספּאַלט־וועגן,
איבער די אַלעגייניס און „ראַקי מאַנטענס“
פון גרינוויל, דזשעקסאָן, נאַטשעז ביזן גאָלפפּאָרט
דיין שפע, פירן אויף די מערק,
און מיט זיי אַהין דיין יחוס פּאָרט.
ווער דיין נאָמען הערט
פאַרגליווערט ווערט!

מיסיסיפּי, מיין פאַרבלוטיקטער טאָפּאַז,
אין דיינע הויכע סאָסנע־וועלדער הוידעט זיך אַ ווינט פון צאָרן.
אַ שטומע, דורותדיקע פּיין נעכטיקט אויף דיין יעדער גאַס.
פינגערצייכנס פון פאַרברעכער טראָגסט אויף זיך שוין יאָרן.
פון טשאָקטאָ־ און טישאַמענגאָ־שבטים די טראָפּייען,
דיינע פעלזן־קעפּ, סקאַלעס, היילן
און געשטאַלטן — די פאַרגליווערטע אין דיינע מאַוזאָלייען —
די געשיכטע פון אַן אויסגעשאָכטן אינדיאַנער־פאָלק דערציילן,
וואָס האָט דיך פון באַצווינגער פרעמדע און אייגענע באַשיצט
און זיין גורל אויף אַלע דיינע שטיינער אויסגעקריצט.

ווי צו אינדיאַנער־בלוט אַמאָל, אַצינד זיי ציט
צו געסלעך זאַמדיקע, מיט שעקס צעהויקערטע פון נעגער,
צו טירן ראָסטיקע מיט שרעק פאַרזיגלט און פאַרוויסט.
ווי אין וואַלד אַריין אויף יאַגד עס גייען יעגער,
אַהין זיי קומען, מיט בוימל געזאַלבטן פון שענקען
אַהין זיי קומען, צו מיינע שוואַרצע ברידער,
דעם פחד אייגענעם צעהענגען,
אַהין זיי קומען אין ליילעכער פאַרהוילן,
מיט פנימער — פיסטוילן.

מיסיסיפי, שאַרבנס אָנשטאָט פיש, די פישער דיינע פאַנגען.
עס וויינט אין טאַלאַהאַטשי־טייך נאָך אַלץ דער קליינער
עמעט טיל.
דיינע נעכט — תליה־סילועטן, מעסער־בלאַנקען,
גלעזערנער געלעכטער, הפקר־קול, הינט־געביל,
לאָדנס צוגעהאַקטע. בעטן אויפגעריסענע.
טויטן־פאַקל־טאַנץ. הייסער בלוט־געטריף.
לאַנגע וויינענדיקע שליאַכן. נאַקעטע סטילעטן.
אָ, נישט קיין אָדלער מיט אַ צווייגעלע אָליוון
דיר פאַסט אַצינד, מאַגנאָליע־שטאַט,
נאָר די שאַרבן־פאָן פון אַ פיראַט.

ווי אַ ווייזערלאָזער וועקזייגער, אומבאַמערקט דער צאָרן גייט,
פון מאַמעס ביז טעכטער, ביי שיסלען וועש געבויגענע,
מורמלענדיק תפילות אין דער שטיל.

פון פאָטערס איינגעהורבעטע ביז זין, ווי סטרונעס אויסגעצויגן,
וואָס דולדן שוין דעם פּיין נישט מער.
ס'גייט דער צאָרן פון שטיבלעך ביז קלויסטערס.
ווי אַ נעפּל אויף די קאַטן־פעלדער, נידעריק און שווער,
איבער דיר דער צאָרן הענגט מעת־לעת נאָך מעת־לעת
און וואַרט שוין מער נישט אויף אַ נס.

טענעסי

אין דער שיינער טענעסי
שטייט די זון אויף זייער פרי,
ווייל דער מיסיסיפּי־ניגון
לאָזט די נעכט דאָרט לאַנג נישט ליגן.

זענען ביימער דאָרט ווי פּעכער
און דער הימל בלויער, העכער,
די באַגינענס לויטער, קלאָר,
בלייבט דאָרט פרילינג ס׳גאַנצע יאָר.

וואַקסן וועלדער ווי אויף הייוון
און די טייכן — בלויע שלייפן
פירן סודות צו דער ווייט
און דערציילן פרעמדע לייט,

אַז אויף שליאַכן — ווייסע שריינטן —
רויטע פאַקלען נעכט צעצינדן.
אין כאַלאַטן ווייסע „לאָרדן"
פירן נעגער צום דערמאָרדן.

אַז אין שיינער טענעסי,
אויף די ביימער פול מיט בלי,
הענגען נעגער־הענט געבונדן
און עס פּיקן קראָען וווּנדן.

די לבנה בלויז פאַרשעמט
קוקט אויף קינ׳ם ווייסע הענט
און דער ווינט — דער בריוון-טרעגער —
ברענגט דער וועלט דעם קרעכץ פון נעגער.

די נאַכט פון צווייטן סעפּטעמבער

פון „די באַלאַדע פון ליטל־ראַק“

די נאַכט פון צווייטן סעפּטעמבער, —
אַ קראַנקע, געלויערטע חיה,
מיט אויגן באַוואַקסענע, טעמפּע,
שאַרפּעט זיך שטיל און פאַרטאַיעט
צו טירן פאַרמאַכטע פון שטיבער,
צו פענצטער פאַרקלאַפּטע מיט לאָדנס,
אין גאַסן צעוויגטע מיט פיבער,
דורך לאַנגע צעהויערטע שאָטנס.

היימלאָזע זענען היינט היימען.
קיינער עס וואַגט היינט צו שלאָפן.
די נעכטיקע שנאה געהיימע
היינט נאַקעט איז, חוצפּהדיק, אָפן.
זי היט און באַוואַכט אַלע שוועלן,
זי שטייט מיט געווער אויף פּאַטרול,
און וואָרנט, אַז קיינער זאָל פעלן
מאָרגן ביים טויער אין סקול.

מיט שכנישע דערפער און שטעטלעך
עס רעדן זיך איבער שאָסייען.
אויף ראָגן פון מעין סטריט אין רעדלעך
פאַרשווינען, פאַרגליווערטע שטייען:
לייבער ווי שווערדן אין שיידן,
פנימער — קאַלטער מעטאַל,

איינער אַנטקעגן דעם צווייטן,
ווי לעמפּערטן גרייט צום באַפאַל.

פון טונקעלע, שווייסיקע שענקען
עס פליִצן צעקרימטע געשטאַלטן,
אין הויזן, בלעכענע, ענגע
ווי פּאַנצערס פון שלאַכטלייט אוראַלטע,
מיט פוילקייט פון אָסיען־פּאַרטאַגן
זיי ראַנגלען זיך ערגעץ צו גיין,
און רופן זיך איבער אויף דאָגן
מיט זייטיקן שפּיי דורך די ציין.

אין סקול־הויף, אַנטקעגן די פענצטער,
אַ צלם, אַ ריזיקער פלאַמט.
אַ וואַנט מיט פייער־געשפּענסטער
די שליאַכן צום טויער פאַרצאַמט,
אַ מתנה צעוויגט און צעאייטערט
מיט קללות די שטילקייט צעדרעשט.
די נאַכט איצט אַליין איז אַ שייטער,
וואָס קיינער נישט, קיינער פאַרלעשט.

עס דרייט זיך אַ ווינטל אין קראַמפּן
און בלעטער אויף דר׳ערד זיך צעלייגן.
עס גרעפּצן די געסלעך מיט בראָנפן,
עס טרעשטשען מיט דזשאַז די אַפּטייקן
און ערגעץ סיגנאַלן צעשיקן.
אין גאָרטן אויף בוים אַ פאַרדאַרטן
פעטליעס צוויי גראָבע זיך וויגן,
ווי זיי וואָלטן אויף וועמען דאָרט וואַרטן.

„ראָק און ראָל"

אין ספּאָרטזאַל מיט מעסערלעך שאַרפֿע,
די יוגנט אויף מאָרגן זיך גרייט,
זיי דאַרפֿן קיין רעדעס, קיין פּלענער זיי דאַרפֿן,
מיט פּיס נאָר צו דילן זיי רעדן.

אין קאַלטן ליכט־געפֿלייץ,
אויף בליאַסק פֿון ווייסמעש־אַבאַזשורן,
אויף ווענט אויף נידעריקע פּוסטע,
שפּרינגען שאָטנס פֿון צעבויגענע פֿיגורן.

דאַכט זיך אייזן טאַנצט מיט שטאָל
צו דעם טאַקט פֿון ראָק־און־ראָל:

שער און צוואַנג,
האַמער־שטאַנג,
טשוואָק און שרויף —
אין געלויף.
ברעמען,
העלדזער,
לענדן,
קני —
אין ווילדן וואַנזיניקן פּלי,
אַקסלען הענט
אין געפּענט,
פֿערדן־צאָפּ
אין גאַלאָפּ,

פּים אַרויף,
קאָפּ אַראָפּ,
אויגן דול,
בליקן בליי,
קיי די גומע, קיי!
כראָמטשע, שפּיי!
שטשירע ציין!
שפּרינג אַרוים פון זיך אַליין!
מיט בלינדע נעכט, טויבע טעג,
טשאַד און רויכן אין געיעג.
ייִנגל, מיידל,
פּלי אַוועק
פון דיין לעבן דאָס פאַרשטומטע,
און דיין יוגנט די צעבראָכטע,
שלעפּ אַרונטער און פאַרקנס
צו דעם מדבר־ווינט פון דזשאַז!

אַלע, דרייט זיך, וויגט זיך, אַלע, אַלע — ראָק־און־ראָל,
הין און קריק הויבט די לענדן, אַלע, אַלע מיטאַמאָל!

אַ קאַלטער פייערווערק־בלענד,
אַ נאַקעטער דזשונגל־געוויי,
אַ געשריי פון מאַן און פרוי,
אַ לייבער־קאָנוווּלסיע,
אַ הפקר־עקסטאַז,
אַ גלידער־רעוואָלט צום ריטם פון דזשאַז,
אַלע, אַלע ראָק־און־ראָל,
אַלע, אַלע נאָך אַ מאָל!

ווער דאַרף האָבן איצט די זון,
אַז דו ברענסט מיר ווי טשוהון,
איך וועל קומען האַלב נאָך פיר,
האַלט דיין שיסל היים פאַר מיר!
ביסט מיין האָניק, ביסט מיין שמאַנט,
ביסט מיין שענסטער אַרעסטאַנט,
עפן בייבי אויף דיין טאַש,
איך וועל זויגן פון דיין פלאַש!
בילי, באַלי, בילי, באָל,
אַלע, אַלע, ראָק־און־ראָל!

פאַרשטומט מיטאַמאָל איז די פליטע,
אַ פרעמדקייט אין זאַל זיך פאַרציט,
ווי אָקסן דולע פאַר שחיטה,
זיי שטייען אין גליווער געשמידט.
ווי פליגל פון לייזיקע מילן
נאָך לאַנגן צעברויזטן געדריי,
די אָרעמס זיך ציען צו דילן,
און עס קאַפּעט די עלנט פון זיי.

ניו־יאָרק נאָך האַלבער נאַכט

נאָך האַלבער נאַכט. טיר פֿאַרזיגלט. פֿענצטער אָפֿן.
גלידער מיד, נאָר ס׳לאָזט דאָס האַרץ נישט שלאָפֿן.
אַן אָפּטער קנאַל, ווי פֿון פֿלאַש אַן אויפֿגעפּראַלטער קאָרק,
אויף געסלעך בלינדע דאָ און דאָרט איבער ניו־יאָרק
צעפּליקט די שטילקייט און פֿאַרשווינדט.
צווישן הויכע ווענט ווײנט פֿאַרצווייפֿלט אַ געשמידטער ווינט.
אויפֿן ראָג, אַנטקעגן שענק, רעוועט יונגוואַרג אויפֿן קול.
אַן אַמבולאַנס־געוואָי פֿאַרשלינגט די קולות אויפֿן וועג צו א שפּיטאָל.

ווי אַ שיסל קוילן — טײמס־סקווער פֿון דער ווייט
ווינקט מיט נעאָן־ליכט האַלב־שיכור און פֿאַרשייט.
האַרלעם־קוואַרטאַלן, ווי באַרזשעם פֿאַראַנקערט צו ברעגן,
מיט שלאָפֿלאָזע אויגן, די היטער וואָרענען, און שרעקן.
עס דרעמלט מאַנהעטן צופֿוסנס פֿון פּאַרק,
מיט הייזער ווי פּושקאַרטס, באַדעקטע מיט שמאַטעס אויף מאַרק.

נאָך האַלבער נאַכט. ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אין ווײסן די לבנה.
אַנטקעגן פֿינקלט אויף אַ קלויסטער אַ פֿאַרשלומערטע איקאָנע.
מיין שכן איבער וואַנט רעדט נאָך אַלץ צו זיין זון עמרי דזשאָן,
וואָס געפֿאַלן איז אין שלאַכטן ביי פּוסאַן.
דאָרטן אויף יענער זייט האָדסאָן, פֿון ניו־דזשוירזים ברייטע לאַנען
אויפֿגעהויבן האָבן זיך צוויי שורות עראָפּלאַנען
און פֿליקן מיט זשאַריקע נעגל די האָריקע הויט פֿון דער נאַכט.

פון ווייטן א דזשאַז, פאר צעהוליעטע געסט אויף אַ יאַכט
מישט אוים מיט געברום זיך פון שווערע באַלאָדענע שיפן
און זינקט אין ברייטע, באַנאַכטיקע טיפן.
ווי נאַקעטעביימער נאָך שטורעמס
שטייען די סטאַנדאַר-אויל-טורעמס
און מיט בראַנדיקע צונגען דעם הימל כסדר זיי לעקן.
מיט אייזערנע וואָרצלען זיי ציען דעם ווייַן פון דער ערד, — — —
טרינקען און טרינקען און גרעסער דער דורשט אין זיי ווערט.

נאָך האַלבער נאַכט. דער זייגער ציילט אויף לאַנגן וועג
אַ יעדן טראָט.
איך שטיי ביים פענצטער פון מיין דרימלענדיקער שטאָט
איך הער די טריט פאַרטאַיעטע אויף ראָגן,
און זע די שאָטנס, שלייכנדע געהיימע.
איך וויל די נאַכט אַריבעריאָגן.
ווער האָט די לבנה אויף שטיקער צעבראָכן
און אַ שליידער געטאָן זי אין שויב פון מיין שכן?
ווער האָט עס אַ באַרג דאָ צעצונדן אַ הויכן
און אַ געסל פאַרהאַנגען מיט קנויליקע רויכן?
וואָס טיקט זיך אויף גאַסן דאָס ליכט אַזוי פורפורדיק רויט?
וועמען פירן זיי ווידער אין סינג-סינג צום טויט?
נאָך האַלבער נאַכט. דער הימל — אַן אויסגערונען אויג.
ערגעץ ראַנגלט זיך אַ פאָדעם ליכט.
אויף מזרח האָט אַ שטאַרץ זיך אַ קופּערנע באַוויזן
און די פינצטערניש שטעכט מיט ליכטיקע שפּיזן.

דאָרט אונטער שלייערס געדיכטע ליגט דער מאָרגנשטערן.
וואָס נעענטער צום באַגין,
אַלץ לענגער די שאָטנס דאָ ווערן.
און דו, פאָלק מיינס, שלאָפסט — — —
וואָס חלומסטו איצט אין אַ שעה אַזאַ שפּעטער?
ווער אויב נישט דו זיין וועט דיין רעטער?

פלאָרידאַ

אָ, ים-כלה זוניקע פון מיין רחבותדיק לאַנד,
געזען כ'האָב קיינמאָל נישט דיין צויבער און דיין גרויס,
פון פרילינג אייביקן, נישט געוווסט כ'האָב דעם באַדייט,
פון רעקלאַמעס בלויז
געקענט דיך און באַוווּנדערט פון דער ווייט.
די ווייסע ציכטיקע קוואַרטאַלן,
די טורעמס הויכע, ליכטיקע ביים ים-ראַנד, די גערטנער
און די סעדער,
היינט צום ערשטן מאָל באַגעגנט איך האָב שטום
און געטראַכט, צען מאָל גרעסער ס'איז דיין שאַנד דאָך פון
דיין רום!

אויף פאַלמעס שטאָלצע, די קאָקאָ-נים שווערע
ווי נעגער-טרערן פאַרקילטע זיך וויגן.
פאַר פאַלאַץ יעטוועדן צום הימל אויפגעהויבן
כאַטקעס הילצערנע לאָמע צען מאָל הונדערט אין בלאָטעס
פאַרזונקענע שטייען.
פאַר יעדן גלייכן אויסגערוטן קאַרק,
טויזנט רוקנס איינגעבויגענע ווי שטיגן.
פאַר יעדן זאָרגלאָזן געלעכטער — אַזויפיל וועכטער!

פלאָרידאַ, דו בלאָנדע טאָכטער פון מיין לאַנד,
די יונגע רייפקייט דיינע מיט וויסקי-פלאַש ביינאַנד
ס'האָט האַר אויף טישן פון זיין שענק צעשטעלט,
ווי אין כוס דעם געטראַנק, לייב דיינס, ר'האָט

מיט אויגן גיריקע צעמאָסטן און צום געלט־זאַק פאַרקנאַסט
וואָס צאָלט פון אינדערפרי ביז אינדערפרי
מיט פרעמדן מי פאַר קאַבאַרעטן,
פערד־געוועטן און כישוף פון רולעטן.
דער וואָס האָט געבויט, גענערט דיך און געפלאַנצט,
מיט פיבער די זומפּן דיינע געטריקנט,
קייטן נאָך אַלץ אויף זיך טראָגט.

פון זון און ים, פון זאַמד דיין הייסן,
ס'האָט געטער דריי דיין האַר, דער ווייסער, געמאַכט,
טעמפּלען אויסגעבויט פאַר זיי,
און ווי אַ פּריסטער ער שטייט און היט
מיט איין אויג די הייליקע דריי גייסטער
און מיט צווייטן דעם גאָרגל פון זיין טייסטער.

פלאָרידאַ, געשפּענסטער הויערן אין דיינע געזאַלצענע פאַרטאָגן,
און צלמים ברענען דיינע הייסע סודותדיקע נעכט.
פאַלמעס מיט בלעטער ווי שווערדן שטאָלענע
צום הימל די העלדזער נאַקעטע שטרעקן,
ווי אויף שטורעמס זיי וואָלטן געוואַרט.
און דיינע שוואַרצע זין געשמידט אין זעלבן צאַם
שלייפן זייער צאָרן ווי דער ים.

מאַיאַמי־ביטש

ווי אַ מאָנאַליזאַ פריש געוואַשן און פאַרקאַמט,
ליגט אינדערפרי אַנטקעגן זון דאָס ווייסע זאַמד
און שוועגקט די פיס אין בלויע כוואַליעס.
מעוועס יונגע אויף די ברעגן,
אומדערפאַרענע אין פלי — אורחימלעך פאַרשעמטע
ביי דער טיר —
אויף פרישטיק וואַרטן מיט געדולד.
די שטאַרקע און געניטע, ביים אכזרדיקן ים געשולט,
אויף זיין גאָב זיי וואַרטן שוין נישט מער,
אַ הייב זיך אויף,
דעם בליק דעם שאַרפן אַ צעוויג,
און מיט שנאָבל פלינק
אַ לאָז אַראָפּ זיך אויפן רויב
און אַ פאַרשלינג.

פאַראַסאָלן, שטולן און קאַבאַנאַס פאַרביקע ווי בוידן
וואַקסן אויף די ברעגן אוים ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.
דאַמען רייכע, ווי אָקשעגירן אַנטיקן פאַלשע אויף די מערק
די לייבער אויף טוכן שפּרייטן אוים
און מיט מוידן יונגע קאָנקורירן.
הארן סטאַטעטשנע מיט ציגאַרן גראָבע אין מויל
ווי בערן זאַטע מיט טעמפּע פאַרוואָלקנטע אויגן
דעם תענוג פון נעכט פאַרשיכורטע זויגן.

אויף רונדע טישן דאָ און דאָרטן
מישן פינגער טאַליעס קאָרטן.

מלכה׳ס, פרינצן, טויזן,
הוילע פים און בלאָנדע קרויזן
טאַנצן אויף די גלאָווניעס פון מעת־לעתן.
גאָלד און כלות בייטן די אַדרעסן.
יונגען אין סודותפולן שלייער פון טיש צו טישל לויפן
מיט שטיקער מזל צום פאַרקויפן.

ראַדיאָס רעווען.
קולות מישן זיך מיט יינגלשע געשרייען:
„קויפט די „ניוס" און די „טריבון"
„מאָרד אין ניו־יאָרק־קאַבאַרעט!
כוואַליע קעלט אין מזרח־שטאַטן!
גענג באַראַבעוועט צוויי בענק!
אַ זון דערשיסט אַ טאַטן, אַ טאַטע שטעכט אַ זון!
באַנקיר גיט פאַר קירכע דריי מיליאָן!
נייע באָמבע!
וואָלסטריט־בום"!

הייזער ווערן מידע בליקן.
נעענטער לייב מיט לייב זיך וויגן.

און דעם שטויב עס וואַשט דער ים טאָג איין טאָג אויס
פון זיין יונגער, בלאָנדער מאָנאַליזאַ.

ד י ק י

אין קראָקאָדילי רעסטאָראַן
איז אַ נעגער־קינד פאַראַן
מיט צוויי אויסגעצערטע בעקלעך
און מיט פיסלעך צוויי ווי שטעקלעך.

דיקי, דיקי, דיקי הייסט ער
און אַלץ קאָן ער און אַלץ ווייסט ער,
חוץ פאַרוואָס ער האָט קיין טאַטן
און קיין טאָג אין וואָך קיין זאַטן.

דיקי, דיקי, דיק!
וועמענס אומרו טראָגסטו אין דיין בליק?
פאַרוואָס וויינען דיינע פרילינגען די צוועלף
ווי הונגעריקע וועלף?

האָט ווער אין דיינע אויגן
דיין מאַמעס טרער פאַרצויגן,
דעם שמייכל פון דיין מויל פאַרפרוירן
און דיין קינדהייט אָפּגעשוירן?

שיילסט קארטאָפל, שאָבסט די מערן,
פליקסט די הינער, פוצסט די רערן,
שייערסט טעפּ, וואַשסט די טעלער —
און שלאָפסט ביינאַכט אין נאַסן קעלער.

ביז שפּעט אין דער קאַסינע
אויף אַ ברענענדיקער בינע,
דיקי טאַנצט פּאָר זאַטע בליקן
צו אַן אַלטן נעגער־ניגון.

העכער, העכער, העכער, העך!
פאַרניי די נאַכט מיט שוואַרצע שטעך!
גיכער, גיכער, שוואַרצע בראָך!
שרייען געסט אַ גאַנצע וואָך.

דיקי זעט נישט מער קיין קעפּ,
אַ זאַל מיט קאָכעדיקע טעפּ.
האָפּ, האָפּ, דער זאַל אַ טאָפּ
און ער אַליין אַ שוואַרצער באָב.

דיקי, דיקי, דיקי, דיק,
טאַנץ אויף בינע ווי אַ פליג,
שייער טעפּ, וואַש די טעלער,
און שלאָף ביינאַכט אין נאַסן קעלער.

אַ נעגער־מיידל

אין דער אַרבעט טיף פאַרזונקען
אונטער וואָלקנדלעך פון פאַרע
זיצט אַ נעגערין אַ יונגע,
ווי די זון אונטער אַ כמאַרע.

צווישן פיבערדיקע בליקן,
אויף די סאַמעטענע קוויטן
וואַנדערט אום אַ שטילער ניגון
פון אַ נעגער־פאָלק אין קייטן.

ס'טאַנצט איר נאָדל אין געניי
און זי זינגט אַמאָל דערביי:
„גיי, משה, קיין מצרים גיי
און פון יאָך מיין פאָלק באַפריי".

לידער ברענגט זי שטענדיק מיט
און ברויט אַ זעקעלע אין האַנט,
שלינגט בייטאָג דעם קלאַנג פון ליד
מיט פיסנע סקארינקלעך ביינאַנד.

שלאַנק איז קעראליין און דאַר,
ווי האָניקלעקעך איר געזיכט,
נאָר זי קוקט, ווי אויף געפאַר
זי וואָלט שטענדיק זיך געריכט.

קעראַליין, אוי קעראַליין,
אומרו טראָגט זי אין איר בליק,
זי ברענגט עס פרי אין שאַפּ אַריין
און נעמט עס שפּעט אהיים צוריק.

עמיגראַנטן

אין אַלטן טענעמענט אויף הענרי־סטריט
געוווינט עס האָט דער פֿאַרבער חיים־בער.
די אויגן גלויביקע, דעם לויטערן געמיט
פֿון שטעטל זיינס געבראַכט ער האָט אַהער.

פֿון דאָרט אַ קלומעקל מיט זאָקן וואָלענע
און העמדער שניי־ווייסע געבראַכט אַ פּאָר,
דערצו ידים צוויי ווי האַמערס שטאָלענע
און פֿונקען פֿלאַמיקע פֿון ניינצן פֿינפֿטן יאָר.

געבראַכט אַ מעסערל, אַ שערעלע, אַ צוואַנג
און אַ בענקשאַפֿט צו זיין שטעטל גאָראָדיק,
ביינאַנד מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם פֿאַרלאַנג
אַהין אַמאָל זיך אומקערן צוריק.

אַ גאַרבער אין דער היים איז חיים־בער געווען,
נאָר געביטן באַלד ביים אָנקומען זיין פֿאַך.
געטראַכט ווי נאָר דאָס לאַנד ער האָט דערזען,
אַז אַרבעט ס'וועט פֿאַר פֿאַרבער זיין אַ סך.

די הייזער ווי צעדראַפּעטע קאָמאָדן,
מיט רויכן און מיט שטויב פֿון יעדן דור,
די צימערלעך ווי פֿינצטערע שופֿלאָדן
באַפֿאַרבן עס וועט נעמען לאַנגע יאָר.

אַ יאָר ער האָט אַלס לערנער זיך געמאַטערט,
ביים קרוב ניסן-נאָכעם אין די בראָנקס,
און אויף ענגליש אַלע אָוונטן געפּטרט
אויף קורסן ביי אַ לערערל אַ קראַנקס.

ווינטערס פיר געגעכטיקט אויף אַ בעטל
ביי אַ לאַנדסמאַן אין אַ קאַלטן קאָרידאָר,
דערנאָך דאָס ווייב געבראַכט פון שטעטל
מיט די יינגעלעך צעלאָזענע אַ פּאָר.

דריי צימערלעך, דריי פינצטערע גערונגען,
מיט אַ טישל, מיט אַ טאַפּטשאַן, און אַ באַנק,
שמייכלענדיק צום ווייב דערביי געוווּנקען,
אַז ווינען מען וועט סיוויי דאָרט נישט לאַנג.

נאָר געבליבן שוין זיי זענען דאָרטן יאָרן,
די צימערלעך זיי האָבן זיך צעשפּרייט.
ס'האָט טעכטערלעך אים צוויי דאָס ווייב געבאָרן,
און געשמידט עס האָט די נויט אים ווי אַ קייט.

געוואַקסן איז מיט יאָרן דאָס געזינדל
און צעצויגן האָט דאָס שטיבל זיך אויפסניי.
געקומען איז אַהער די טאַנטע מינדל
צו וווינען אין די צימערלעך די דריי.

געקומען איז אַהער דער אַלטער טאַטע,
מיט אַ ניגונדל אַ היימישן אַ שטילן.
אַ ראָק געבראַכט, אויסגעשטעפּט מיט וואַטע,
און דעם טלית זיין פאַרגעלטן מיט די תפילין.

מיט באַרשטן און מיט קעסלען אין פֿאַרטאָגן
צו דער אַרבעט איז געגאַנגען חיים-בער,
און יעדן אָוונט מיט אַ זיפֿצן זיך באַקלאָגן,
אַז קריכן מ'איז אויף לייטערס אים דאָ שווער.

„פֿאַרטאָג צו דער אַרבעט גייט זיך גרינג,
נאָר צוריק ברענגען פֿיס מיך קוים צו טיר.
ווי אַ ראַנגלער, אַ באַזיגטער אין אַ רינג,
דעם ווייטיק ביים אַהיים-גיין איך דערשפּיר.

שווערער ווי ביי פּרעהן אין מצרים
מען אַרבעט אין דער גאָלדענער מדינה.
און מיטלען האָט דער באָס אַזויפֿיל נייע
דעם מאַרך אַרויסצוזויגן פֿון די גרינע.

אַ בייטש געווען אַמאָל אויך, און אַ שמייסער,
נאָר נישט געקענט ז'האָט אַזוי ווי איצט צעשיידן,
באַזונדער יאָכט דער שוואַרצער און דער ווייסער,
כאָטש דער דלות דער זעלביקער ביי ביידן.

דאָס בלוט און שווייס זיי מישן אויס צוזאַמען,
ווי די וויין-מאַשין דעם טרויבן-זאַפֿט אין פֿאַס,
נאָר די הערצער זיי צעטיילן און פֿאַרסמען,
אַז נישט גרייכן זאָל זיי צאָרן פֿון מיין קלאַס".

געהערט עס האָבן קינדערלעך אין בעטן
און געחלומט אין די צימערלעך די דריי
פֿון שיכעלעך פֿון נייע מיט שקאַרפּעטן,
פֿון א שטייגל מיט א בלויען פּאַפּוגיי.

און געטרוימט האָט די שטילע שרה־ברײנע
פון אַ שטיבל מיט אַ גערטנדל אַ גרינס,
װוּ די זון זאָל צום פענצטער קומען שײנען,
װי בײם פּעטער און דער מומען אין די קװינס.

— — — — — — —

ס'איז יום־טוב יעדן שבת אױפדערנאַכט
אין די צימערלעך געװען די ערשטע יאָרן,
די טיר האָט פרײלעך זיך געעפנט און פאַרמאַכט,
געקומען זענען אַלע פרי צופאָרן.

געפינקלט האָט אין קיכעלע דער אױװן,
געלױכטן האָט דאָס גלאָזװאַרג אין דער שאַנק.
די קינדערלעך צו טירן פלעגן לױפן
באַגעגענען די קרובים פון די בראַנקס.

אױסגעפּוצן עס פלעגט זיך שרה־ברײנע
אין אַ קאָפּטעלע א ציכטיקן אױף זיך
און שטילערהײט מיט קלײנװאַרג אײנגעטענהט:
נישט שײן עס איז צו כאַפּן פון דער קיך.

דערלאַנגט זי האָט די געסט איר פרישן קוכן,
אױף אַ טישטעכל, אַ װײסינקן װי שנײ,
געבעטן זיך בײ יעדן צו פאַרזוכן
און דערגאָסן אין די גלעזער הײסע טײ.

געזעסן איז בײם טיש דער אַלטער טאַטע
מיט די ברילן אױפן נאָז אַראָפּגערוקט,
געגראָבלט מיט די פינגער די צעראַטע
און פאַרחלומט זײנע קינדער אָנגעקוקט.

קומען פלעגט די ערשטע טאַנטע בלומע
מיטן יונג וואָס האָט געשדכנט זיך צו איר,
די קינדערלעך ביים שוועל אַרומגענומען
און זיך געשושקעט מיט דער מאמען ביי דער טיר.

קומען עס פלעגט הערשעלע, דער זשוואַווער.
וואָס ציימונגען פאַרקויפן פלעגט אין סקווער,
און שעהן לאַנג ביים שוואַרצן טעפּל קאַווע
די יונגנט־טעג אַראָפּגעבראַכט אַהער.

ס׳האָט חיים־בער מיט אים אַמאָל ביים צאַר
די גראַטעס פון אַ טורמע־צעל צעזעגט,
דורך זומפּן, נעכט, געלאָפן פון געפאַר
און מיט בלוט זייערס געפאַרבט סיבירער וועג.

קומען פלעגט דער פעטער פון פאַסעאיק,
וואָס האָט אַ קרעמל שוין געהאַט אויף טשעטעם־סקווער,
„נאָר צו ביזנעס נישט געווען ער איז פעאיק"
און געבליבן ביי דער נאָדל און דער שער,

צו שפּילן ער האָט ליב געהאַט אין שאַך
מיט דעם ברודער מרדכי־דודן דעם פראַנט,
באַגלייטנדיק מיט מעשיות פון תנ״ך,
שאָקלענדיק א פּעשקעלע אין האַנט.

דוד האָט די שפּראַך גערעדט שוין פליסיק,
אויסלייגן אָן גרייזן שוין געקענט,
נאָר ס׳איז געווען אים איבערדריסיק,
וואָס גערעדט ער האָט נאָך אַלץ מיט אַן אַקצענט.

אויף די בעלער שוין געדרייט זיך ווי אַ הינער,
און געקליידט זיך ווי אַ זון פון אַ באַנקיר,
כאָטש געווען ער איז ביי סוועטערס בלויז אַ שטריקער,
געהאָפט ער האָט צו זיין אַמאָל אַ גביר.

— — — — — — — — — — —

פול מיט מענטשן יעדן שבת אויפדערנאַכט
זענען צימערלעך געווען ביי חיים-בערן,
ווער ס'האָט נייעס פון דער וועלט געבראַכט
און אויערן ווער גרייטע בלויז צו הערן.

דערציילן פלעגט אַמאָל די טאַנטע בלומע
פון שטרייקן אין דעם ווייטן סינגאַפּאָר,
ווו אַרבעטער עס שקלאַפן נאָך ביי גומע
פאַר לאָרדן דאָרט אַריבער הונדערט יאָר.

דערציילן עס פלעגט הערשעלע דער גרינער,
באַגלייטנדיק די ווערטער מיט אַ ווונק,
וועגן אויפשטאַנדן פון פויערים אין כינע,
פון אָנפירערס טשו-טע און מאַאָ טסע-טונג.

דאָס פּנים פלעגט דערביי זיך אים צעפלאַמען,
און אַ פלי טאָן פלעגט זיין אומרו ווי אַ באַן,
ווי זיין מיט זיי ער וואָלט אַצינד צוזאַמען
אין די שלאַכטן ביי די בערג אַרום יענאַן.

דערציילן פלעגט אַמאָל מיט וויי דער פאַרבער
פון „גענגסטערס", וואָס באַהערשן זיין פאַריין,
וואָס לויערן אויף אַרבעטער ווי שפּאַרבער
און דערלאָזן צו קיין אחדות נישט דערגיין,

ווי צו מיטינגען זיי שיקן „חברה־לייט"
אויף צו היטן די, וואָס הייבן אויף די קעפּ,
ווי די פּלייצעס זיי באַצייכענען מיט קרייד
און די לוינען זיי דערלאַנגען אויף די טרעפּ.

אַ צאָרן האָט דאָס פּנים זיינס צעצונדן,
ווען דערמאָנען ער פלעגט יענעם אויפדערנאַכט,
ווען געלעגן אין שפּיטאָל ער איז מיט וווּנדן
נאָך אַ מיטינג אין זיין „לאָקל הינדערט אַכט".

ווער געשפּינט און געשוועבט האָט אין זכרונות,
מיט עקסטאַז פון אַמעריקע גערעדט,
ווער געזוכט עס האָט נאָר די חסרונות
און פון אַלץ נאָר געחוזקט און געשפּעט.

דוד נאָר געזען האָט בלויז די מעלות
און פאַרעקשנט פלעגט פאַרטיידיקן זיין צד,
אַלץ באַוווּנדערט און באַצייכנט מיט התפּעלות,
ווי אַ חלק ער וואָלט אומעטום געהאַט.

„איז ערגעץ ווו פאַראַן אַזאַ מין לאַנד,
ווו זיין דער קבצן זאָל מיט גבירים גלייך,
ווו קענען זאָל דער גרעסטער אָרעמאַן
אויסטאָן זיך פון נויט און ווערן רייך.

נישטאָ פאַר דיר קיין שלעסער און קיין צאַם,
פראַנק און פריי דיין לעבן קענסט זיך שפּינען.
ס'פרעגט קיינער דיך דיין יחוס און דיין שטאַם,
ווער אַרבעטן עס וויל, וועט ברויט זיינס שוין געפינען.

ברייט און אָפן ליגן אויסגעשפּרייט די וועגן
און בעטן זיך ביי יעדן, קום, און פאָר!
ווילסטו עפּעס וויסן, דאַרפסטו בלויז זיך פרעגן
ענטפערן וועט יעדער דיר, גוטמוטיק און קלאָר.

דאָס לאַנד איז יונג און מזל וואַקסט אויף יעדן טראָט,
נאָר מורא האָט דער קבצן, דער מיזערנער.
פלינק עם דרייט זיך דאָלער אין דעם ראָד,
נאָר קענען דאַרף מען אָנכאַפּן דעם גורל ביי די הערנער".

געשמייכלט פון פאַסעזשיק ס'האָט דער פעטער,
דעם קאָפּ צו אים געשאָקלט מיט באַדויער:
„דעם וואַלד פאַרשטעלן, דוד דיר, די בלעטער,
ס'איז בלינד דיין אויג און טויב ס'איז נאָך דיין אויער.

ווי אויף די פּיס אַמאָל דער מאַמעס ווייסע ציג,
דו טראָגסט אויף זיך מיין ברודערל אַ שטריק.
עס פעלט דערוויל קיין פּאַשע נאָך נישט אויס.
פון צאַם נאָר גיי אַרויס און ציען וועט מען דיך צוריק".

אַזוי געטענהט פון פאַסעזשיק האָט דער פעטער
און געהאָלפן האָט דער פאַרבער חיים־בער
מיט פאַקטן איינגעחזרטע פון בלעטער,
וואָס ברענגען עס פלעגט הערשעלע אַהער.

ביז פאַרטאָגן זענען אַלע דאָרט געזעסן,
ווי אַמאָל זיך אין דעם שטעטעלע געוויילט.
אין דאגות, אין יאָכן זיך פאַרגעסן,
אַוועקגיין ס'האָט זיך קיינער נישט געאײַלט.

בריוו פון אַמעריקע

1

מירעלע מיין טייערע, מירעלע מיין גאָלד
אַזויפיל מאָל אַ בריוול שיקן דיר געוואָלט,
נאָר זאָגן דיר דעם אמת האַרצעניו איך שעם זיך,
אַזויווי נאָר ביינאַכט צום שרייבן איך פאַרנעם זיך
קריכט באַלד אין די אויגן דער דרימל מיר אַריין,
ווי אַ באבע כ׳וואָלט אַן אַלטיטשקע שוין זיין.

ווי אַ שוואַלב איך פלי באַגינען אין פאַבריק
און ווי אַ בער פון דאָרט איך קער זיך אום צוריק.
איידער נאָך דעם ביסן אַראָפּשלינגען כ׳באַוויז,
דער זייגער אויפן וואַנט זיין גאָרגל שוין צערייסט
און מיט פינגער מיר די שטאָלענע באַפעלט
פארלאָזן ווידער אין געאייל זאָל איך מיין שוועל.

יעדן אויפדערנאַכט מיט ביכער און קאַיעטן
אויף קורסן כ׳לויף זיך לערנען ווידער רעדן,
אָפּגערעדט שוין דאַכט זיך איך האָב אַזויפיל יאָר
און בלויז אויפן וונק פאַרשטיין איך קען היינט נאָר.
זינט איך בין געקומען, דער חודש שוין דער פערטער,
און אויסשטאַמלען מיט צרות איך קען נאָר אַ פּאָר ווערטער.

אַ לערער כ׳האָב אַ טייערן אַן אמתן בר דעת,
דאָך שלאָפט ביי אים געשמאַק כמעט אַ האַלבער קלאַס.

נאָר מיר עס איז באַשערט אין רײ אין ערשטער זיצן
און אָפּט אַ מידן שכן פֿון אויג זײַנעם באַשיצן.
כ'קוק אים גלײַך אין פּנים, שאָקל מיטן קאָפּ,
זאָג אים נאָך די ווערטער פּינקטלעך מיטן טראָפּ,
כאַטש זעלטן, אַז איך ווייס וואָס דער לערער מײנער וויל,
ווייל ס'דרייט זיך נאָך דער ארבעט אין קאָפּ ווי אין אַ מיל.

נישט גרינג איז צו לערנען זיך אַ שפּאָגל נייע שפּראַך,
שווערער אפשר פיל ווי דעם קאָמפּליצירטסטן פֿאַך.
אַ פּאַכמאַן אַ געניטער אַזוי ווי נאָר דו ווערסט,
מיט באַלמעלאָכעס היגע, צום זעלבן צעך געהערסט.
פֿון וואַנען זאָלסט נישט שטאַמען, די זעלבע זענען הענט,
נישטאָ אויף זייער פּראַצע קיין סימן פֿון אַקצענט.
נאָר עפּנסטו דאָס מויל און רירסטו אָן דעם גומען,
פֿרעגן וועט דיר יעדער, פֿון וואַנען ביסט געקומען.

ווי א פישל אויפן זאמד איך מאטער זיך און שטיק,
נאָר ווענדן מײנע אויגן איך וועל שוין נישט צוריק.
נישט טראָגן מיך ווי ס'בלעטל ס'וועט שטורעם ווו ער וויל,
מײַן טראָט אַ יעדער זײַן וועט מיט חשבון און מיט ציל.
דאָרט ווו איך וועל קומען, אַלץ וואָס איך וועל זען,
באַשרייבן ס'וועט דיר, מירעלע, שוואַרץ אויף ווייס מײַן פּען,
באַנעמען זאָלסט, מײַן ליבע, עס איז דאָס לאַנד דאָך גרויס,
און שרייבן נאָר אַ טראָפּן פֿון אַלץ כ'וועל קענען בלויז.
פּאַראַן דאָך אין איין טראָפּן, אין איינציקן פֿון ים,
פֿון אַלץ, וואָס ער פּאַרמאָגט, דער תּמצית און דער טעם.

II

מירעלע מיין טייערע, מירעלע מיין קרוין,
פרעגנסט מיך אויב צום לאַנד כ׳האָב צוגעווינט זיך שוין,
וואָס זאָל איך דיר ענטפערן שוועסטערקע דערויף?
אַ מענטש איז נישט קיין טשוואָק, אַ מענטש איז נישט קיין שרויף,
אַרויסציען דו קענסט אים נישט פון היים־לאַנד מיט אַ צוואַנג,

דאָרט ווו ר׳איז געבוירן, געאָטעמט יאָרן לאַנג
פון ערד זיינער די ריחות, פון שטאַם זיינעם די זאָמען,
טראָגן ווערט אין וואַנדער־וועג שוין אייביק ווי זיין נאָמען.
אויבן אין דער לופטן איך הענג דאָ ווי אַ בריק.
אַליין איך בין דער קרבן, אַליין איך בין די שטריק,
אין שמעלץ־טאָפּ רויך איך ליג צוזאַמען מיט מיליאָנען,
ביי וועמען זאָל איך צ׳ריק די פליגל מיינע מאָנען?

ווי בוים אַ יעדער מענטש איז, מיט צווייגן און מיט בלעטער,
נאָר דאָ פון אים זיי מאַכן אויסגעטאָקטע ברעטער
און הובלען אים אַריין אין ווענט פון זייער טורעם,
נישט בליען ר׳זאָל אין פרילינג, נישט הערן זאָל דעם שטורעם.
עס דאַרן מיינע טעג ווי אויסגעפליקטע זאנגען,
דעם היינט כ׳האָב ווי אַ טאָרבע אויף פּלייצעס אויפגעהאָנגען
און דריי זיך ווי אַ בעטלער אויף מענטשן־מאַרק פון שטאָט,
פון נעכט דער חלום בלויז מיר ברענגט א קרישקע גנאָד.
ווי אין דער היים אַמאָל גיין עס פלעגט מיין טאַטע
איינזאַם צווישן יידן באַלעבאַטישע און זאַטע,
איך וואַנדער אין דעם מענטשן־טייך אויף גאַסן פון ניו־יאָרק,
אַ קלייד איז מיר די עלנט, אַ העמד איז מיר די זאָרג.

וואָס טו איך דאָ אין טויבן־שלאַק אין פרעמדן אַ פאַרנאַרטע,
מיט יוגנט מיין צעשאָרענער, מיט טרוימען־בוים פאַרדאַרטן?
ווער זינגט עס אונטער הויט מיר אַזוי טוכלעדיק און שטיל
בין איך אליין צעווישן ווענט פארמויערטע די גריל?
מיט מתנות אין געאייל איך יאָג זיך אויף די ראָגן
ווי קענען עס וואָלט ווער דעם גורל איבעריאָגן.
אין וואַלד פון שטיין און שטויב און גאַז איך בלאָנדזשע אום פאַרלאָרן,
ווי די הינט אַמאָל עס יאָגן מיך און בילן די מאָטאָרן,
ווי צערייסן ס׳וואָלט אַ יעטוועדער געוואָלט מיך דאָ אויף שטיקער.
איך טרינק דאָך בלויז די איינזאַמקייט און שטענדיק איך בין שיכור.
אַ יתום יעדער מענטש איז, פון נויט פאַרטריבן אין דער פרעמד.
אַוועקוואַרפן קיין היימלאַנד מען קען נישט ווי קיין העמד.
ס׳בליט אין פרילינג בוים אויפסניי און פליסטערט זיינע טענער
נאָר רירסטו אים פון אָרט און ער ווערט א הויפן שפענער.

III

מירעלע מיין טייערע, וויסן דו וואָלסט וועלן
ווי ס'איז מיר דאָס לאַנד קאָלומבוסעס געפעלן?
אַזויפיל מאָל די פראַגע פון קרובים כ'האָב געהערט שוין.
אַ יאָר זינט כ'בין געקומען, אַ קיילעכדיקער ווערט שוין,
און יעדן מאָל ביים ענטפער פאַרלוירן איך בלייב שטיין,
ווייל זאָגן כ'קאָן נישט יאָ און זאָגן כ'קאָן נישט ניין.
אַ לאַנד איז נישט קיין עפּל און קענסט נישט מיט איין ביס
ענטפערן גענוי, ס'איז זויער אָדער זיס.

רחבותדיק דאָס לאַנד איז און פאַרביק אומגעהויער.
פעלדער דוכט זיך גרינער, דער הימל דוכט זיך בלויער.
ווי טישן גלאַט די וועגן, ווי זאַמד און ערד פאַבריקן.
פאָרן קאָנסט מעת-לעתן און קיין גרענעץ נישט דערבליקן.
אַ זאַפטיקע די ערד דאָ און אַ יונגע די נאַטור.
פון קריג-מבול קיין סימן, פון שלאַכטן-בראָך קיין שפּור.
די פעלדער און די וועלדער, די דערפער און די שטעט
באַרעגנט האָט דער פרידן מיט פרוכטבאַרקייט און זעט.
אוצרות אומגעציילטע פון דורות לאַנג געפלעגטע
דרימלען אין די שאַכטעס נאָך פון קיינעם נישט דערוועקטע.
געכפּלט אַלץ אין לאַנד איז, געכפּלט און צעשפּרייט.
אַ שפע ווי אַ וואָלקן-ברוך פון קראַנען אַלע גייט,
און פונקט אַזויווי ווילטאָג אויף גאַסן פון ניו-יאָרק,
געכפּלט איז דער דלות, די עלנט און די זאָרג,
די פוסטקייט און די גאוה, די חניפה און כאַבאַר,
געכפּלט איז דער הפקר-יונג, דער קרבן און דער האַר.

ווי קראַנקער בוים פון קאָרע דאָס לעבן אָפּגעשיילט איז,
און פונקט ווי אַלץ געכפּלט, אַזוי דאָ אַלץ צעטיילט איז:

אָפן ס'איז דער שנאה־שטראָם און ס'הערט נישט אויף צו פליסן.
אַ יקרות דאָ אויף מענטשלעכקייט, אויף אמת און געוויסן.
טייער ס'איז אַ רענדל דאָ און אַלץ וואָס מי געבערט,
נאָר ביליקער דער מענטש אַ יעדן טאָג דאָ ווערט.

אַ לאַנד עס איז אַ וווּנדערלעכס מיט אוצרות אָנגעזעטיקט,
נאָר קומען ס'האָט צום פאָלק אַהער דער פרילינג זיך פאַרשפּעטיקט.
זיכערע די מענטשן דאָ, פון קריג און בראַנד געשווינטע,
נאָר אויגן אָפט ווי פענצטער פון הייזער אומבאַוווינטע.
אַ פאַרשעמטער גייט דער טרוימער דאָ, באַהאַלטנדיק זיין טרוים.
פון געלט עס רעדט אַ קינד שוין, ווען רעדן ס'קען נאָר קוים.
זעלטן ווען אַ מאַמען טרעפן וועסט ביי וויגן
זינגענדיק איר עופעלע פארן שלאָף א ניגון.
קינדער מיט פּיסטוילן אין וויגעלעך זיך שפּילן
און מיט הענטעלעך קליינינקע אין הערצער מאַמעס צילן.

אַן עלנט ס'טראָגט אַ פאָלק דאָ, פון אַ יתום אַ פאַרלאָזטן,
ווען מ'האָט די קליידער פון אַ גוסס אָנגעמאָסטן.
אַ וואַלד פון שטיין די שטאָט איז מיט ביימער פון גראַניט,
און אומעטום די גיפט־שוואָם פארקלאמערט זיך און בליט.
עס וואַקסן ווי אויף הייוון מאַנקאָליעס היינט אין לאַנד.
מיט ווען זאָלסט נישט רעדן, מיט פרוידן איז באַקאַנט.
ווי אין דער היים די פעלדשער, מיט באַנקעס און קליסטירן,
זיי ווילן אַלע פלאָגן מיט זיין תורה אויסקורירן.
געטראָפן איך האָב יונגוואַרג דאָ, העמבענע ווי ריזן,
און אַלץ פון וואָס מען רעדט אַצינד איז פּסיכאָאַנאַליזן.

ראַדיאָס, טעלעוויזיעס, ביכער און זשורנאַלן,
ווי סטאַדעס וועלף אַ יעדן טאָג דעם מענטשן דאָ באַפאַלן,
נאָר וואָס זאָל איך דיר שרייבן, אַ פאָלק איז ווי אַ ים —
קענסט נישט מיט קיין קויט, און קענסט נישט מיט קיין סם
אָפּשטעלן זיין גאַנג און פאַרגיפטן אַלע פיש,
בלייבן וועט ער יונג און בלייבן וועט ער פריש.

שטורעם

ווי אַ פֿאַראַנקערטע שיף וויגט זיך אין שטורעם די שטאָט
מיט שניי־זעגלען הויכע ביז הימל באַשפּינט.
ביימער מיט פּורפּורנע קרוינען, זאַטע מיט זון און מיט זאָט,
ווי רויטע לאַמטערנס זיך לעשן אין ווינט.

ווי אַ וואַסערפֿאַל פּרעפּלט געוויש אויף די ברוקן —
כוואַליעס פֿון רעדער, טריט און מאָטאָרן.
עס שאַסקעט דער ווינט ווי גרייטן ער וואָלט זיך פֿאַרצוקן
די פּרות פֿון אַלע פֿאַרגאַנגענע יאָרן.

נאָר ס'בליִען אין פּאַרק אונטער שניי נאָך די קווייטן,
און ס'וויגט זיך מיט שפּראָצונג אַ קלאָמב אַ צעגרינטער.
זיי טוליען פֿאַרקשנט זיך איינער צום צווייטן — — — —
אינדזולען פֿון פֿרילינג ביי ברעגן פֿון ווינטער.

ווי אַ בוים אַ פֿאַרשנייטער אין גאָרטנס אַרקאַדע
איך שטיי ביי סטאַטועס ביי ווייסע געבוינגן.
עס שווייגן די גרייזן. זיי האָרכן אוודאי
די שטורעם־טאַמבורן, די שלאַכט־פֿעלד געפּויקן.

אויף שטאָלענע פֿערד, אויף מאַרמאָרנע טורעמס,
מיט לאָרבער־קרענץ וואַכן די העלדן פֿון נעכטן.
מיט שווערדן צעפּאָכעט אַנטקעגן די שטורעמס,
די יאָגן זיי וואָלטן זיך ווידער צו פֿעכטן.

זיי ציילן די וואָלקנס, וואָס גרייכן אַהער
און ווייטן מיט אויגן פאַרשפּיצטע זיי מעסטן —
אָ, ענטפערט גבורים, אייער רום איך באַשווער —
וועט בלייבן נאָך שטורעם אַ פויגל אין נעסטן?

ווי מושל ס׳האָט פּלוצעם אַ שטיין זיך צעפּראַלט,
וואלט וויטמאן ארוים פון דאָרט איז א גרויער.
עס מישט זיך מיט וויוגע צונויף זיין געשטאַלט,
זיין שטים בלויז א ווייטע עס גרייכט צו מיין אויער.

פון שטורעם ווילסט ׳ווּיסן, מיין קינד, דעם באַדייט?
דאָס קומט ער געווייזן פון דורות אַ רוף טאָן,
אַ וויש טאָן די שטויבן אויף רוקנס פון צייט
און גבורה פון פעלקער פאַריאָכטע אַ פּרווו טאָן.

די קויטיקע הורדעס, וואָס שליאַבן פאַרדעקן,
עס קען בלויז אַ שטורעם אַ ווילדער צעדרויבן.
ער וועט נאָר די פוילע און שוואַכע דערשרעקן,
די שטאַרקע פאַרבינדן און העכער דערהויבן.

אַלע ברעגן ווילן רו

מזרח, מערב, דרום, צפון
אַלע שטעט און דערפער שלאָפן.
אַלטע בערג אויף ברעגן ליגן
און דעם ים, דעם בלויען וויגן.

איי לו, לו, לו, איי לו, לו,
אַלע ברעגן ווילן רו.

נים, מאָנאַקאָ מאנטאָן, ביאָט
דרעמלען ווייסע אין אַ ראָד,
נאָר ריוויעראַס מזל־מאַרק
ווינקט אַראָפּ צו זיי פון באַרג.

רונדע בריקן — פּערל־שנורן,
ווילדע, פּעלזיקע קאָנטורן,
ווייסע טעמפּלען, שוואַרצע שוועלן
שפּיגלען זיך אין קלאָרע וועלן.

שלאַנקע פּאַלמעס ווי זשיראַפן,
שלייכן שאָטנס אויפן האַפן.
אויף די שווערע שפּיזן־בלעטער
ליגט נאָך שטויב פון אַלטע געטער.

האַלבע נאַכט ביים ים איך זיץ.
ס׳גיט אַ שטערן ווייט אַ בליץ.
ס׳פאַלט אַ נוס אַראָפּ פון בוים
און צערייסט מיין שטילן טרוים.

רויטע לבנה — לאָנג וויין,
קום, איך וועל דיין בעכער זיין!
אַלע וויינען פון די גיטער
וועלן טרינקען מיינע ברידער.

אויף די פעלזן, ראָסטן קרוינען,
אין די טעמפּלען וועל איך וווינען,
מיט מיין ליבשאַפט לאָמפּן צינדן,
און מיט ליד מיינס עלנט בינדן.

ערגעץ פאַלן שטערן ווידער.
ס'לעקט די שטילקייט מיינע גלידער,
און פון ים אַ ווינט אַ פרישער
ברענגט אַ ליד מיר פון אַ פישער.

עס גייען צוויי מיט איין שאָטן
האַלבע נאַכט צום ים זיך באָדן
איינגעקלאַמערט איינס אין צווייטן
און די לבנה צווישן ביידן.

איי לו, לו, לו, איי לו, לו,
אַלע, אַלע ווילן רו.

נאָר דער ים ער קאָן נישט שלאָפן.
וועמען וויל ער היינט באַשטראָפן?
שטילער, שטילער, שטילער, שטיל!
וואָס טויג ברומען אָן אַ ציל?

איי לו, לו, לו בלויער ים,
זע, אַ שיף גייט קיין וויעטנאַם,
שרפות פירט זי דאָרט און מאָרד
לאָז נישט גרייכן איר צום פּאָרט.

זאָל אַ נעץ דיין בלויע טיף
זיין פאַר יעדער רויבער־שיף.
איי לו, לו, לו, איי לו, לו,
אַלע ברעגן ווילן רו!

דער מאָלער

דער בלייכער, בלאָנדער דזשעק
לייגט זיין פענדזל נישט אַוועק.
פלאַטערט, פלאַטערט נאָכאַנאַנד
זיין ווייסע, ביינערדיקע האַנט.

מיט יעדן ריר, מיט יעדן גלעט,
גייע אוצרות דזשעק דערזעט:
לאַנקעס, פּרעריעס, טייכן, גראָזן,
מאַרנעס, שאָף און אַלבאַטראָסן.

דאָס גאַנצע רחבות פון זיין לאַנד
קוקט אַראָפּ פון יעדער וואַנט,
דאָס גאַנץ פאַרמעגן אויף דער ערד,
צו אים, צו אים אַליין געהערט.

מיסיסיפּים קאַטן־פעלדער,
וואַיאָמינגס ווילדע וועלדער,
אַריזאָנאַס „באָלדער דעם“,
דאָס לאַנד איז פריי, קום און נעם!

שטייט מיט פענדזל שטענדיק דזשעק,
ביי דעם לייוונט גאַנצע טעג,
מאָלט ער נעכט, מאָלט מעת־לעתן,
נאָר ער האָט נישט וואָס צו עסן.

נעמט ער בילדער גאַנצע פּעק,
גייט מיט זיי פון שטוב אַוועק
און צעשטעלט זיי אויף די סקווערן,
מיט געמיט זיינעם דעם שווערן.

נאָר פאַרביי אים אַלע לויפן,
קיינער, קיינער וויל נישט קויפן,
נעמט ער בילדער זיינע ווידער
און ער קערט זיך אום אַ מידער

צו זיין צימערל, דעם קליינעם,
אָפּגעזונדערט פון די שכנים,
מיט די לעכערדיקע דילן,
וווּ די מייז נאָר אָפּט זיך שפּילן.

קיינער קומט צו אים אַהער,
בלויז דער עלנט און נישט מער,
קלאַפּט אַ שכנה ווען אין טיר,
שטייט די שרעק שוין הינטער איר.

קוקט ער ווען דורך שויב אַרויס,
זעט ער ס'לויפט די זאָרג פאַרויס,
און די מענטשן לויפן נאָך,
איינגעוויקלטע אין בראָך.

פול די וועלט מיט שווערד און שטיכן,
און די טעג ווי שלאַנגען קריכן.
האַרט דאָס לעבן, ביטער, גרוי,
מאָלט ער מענטשן אויך אַזוי.

אויסגעקרימטע און צעבויגן,
מיט דריי מיילער און זעקס אויגן,
מענטשן שטאָלענע ווי פּלאַסטן,
און פּירקאַנטיקע ווי קאַסטנס.

נאָר אויפדערנאַכט ווי אין שפּיטאָל,
הערט ער קרעכצן אויפן קול,
און עס וואַרפן זיך פאַרטרעטן,
ווי פאַרוווּנדעטע אין בעטן.

איינער שטעלט זיך ביי זיין בעט
און ער פרעגט: „פאַר וועלכן חטא
האָסט מיט פּענדזל דיין געניטן
אונדז געמאַכט פאַר אינוואַלידן?"

„איז דאָס לעבן ווייניק ביטער
פאַר די שוועסטער פאַר די ברידער,
אַז צעקרימען זאָלסט נאָך וועלן
און פאַר מאָנסטערס זיי פאַרשטעלן?"

„גיי אין גאַסן, אין פאַבריקן,
זע די הענט, וואָס וועבן, שטריקן,
קוק אין פּנימער אַריין
און זאָל די וואָר אין בילד דיינס זיין".

„גיי אין הייזער, אין פאַרשטיקטע,
מאָל די אָרעמע, דערדריקטע,
מאָל די ליבשאַפט, מאָל דעם גלויבן,
העלף דיין ברודער זיך דערהויבן".

איז דער בלייכער, בלאָנדער דזשעק
אינדערפרי פון הויז אַוועק
און אויף אַ געסל אויף א שמאָלן,
מענטשן אַנדערע געמאָלן.

שמידער, שטריקער, שלייפער, וועבער,
בויער, זייער, קוילן-גרעבער,
שוסטער, שניידער, פעלזן-העקער
און דעם פאַרמער מיט דעם בעקער.

אויפדערנאַכט מיט פרייד אין בליק
ער האָט אַהיימגעשפּאַנט צוריק,
מיט טריט פון אייזן און פון שער,
מיט מענטשן הונגעריק ווי ער.

ווען דער הונגער און דער פראָסט
האָט אים פאַרבן נישט געלאָזט,
האָט ער האַנט אין האַנט געריבן
און געשלונגען טרוימען זיבן.

ווען די בענקשאַפט נאָך אַ גלעט
ס'האָט גענאָגט פון פרי ביז שפּעט,
האָט אין צימערל אין שמאָלן
זיך דזשעק אַ כלה אויסגעמאָלן.

און געבראַכט האָט ער איר נדן
אַלע אוצרות פון די שטאָטן,
יוטאַס קאָרן, קענזעס ווייץ
און די אַלפּן פון דער שווייץ.

דעם ווייסן באַנוול פון טאַשקענט,
דעם ווייכסטן זייד פון אָריענט,
דינע פאַרביקע קימאַנעס
און פיל אַנדערע מתנות.

טאָמער וויל זיין כלה עסן,
מאָלט ער ברויט מיט ווייסע קעזן,
וויינשל, טרויבן און מאָרעלן
אין אַ קוישעלע אַ העלן.

נאָר זי שטייט זיך נאַקעט הויל,
שטענדיק גוט איז איר און וווּיל,
רירט קיין פרוכט נישט פון די קלאָשן,
און זי בעט ביי אים קיין גראָשן.

קיינמאָל וואַרעם, קיינמאָל זאַט,
און קיין טענות נישט געהאַט,
ווען זי דאַרף חדשים וואַרטן
אויף אַ שמייכל זיינס אַ צאַרטן.

נאָר דער בלייכער, בלאָנדער דזשעק
האָט געהונגערט גאַנצע טעג,
און פון אויגן ווי צוויי גריבער
אַרויסגעפינקלט האָט דער פיבער.

ווען ס'האָט פאַרב אים אויסגעפעלט
אין לאַנד אין רייכסטן אויף דער וועלט
און מיט צוויי געניטע הענט
ער האָט פאַרבן נישט געקענט,

האָט ער פינגער זיך צעשניטן,
און מיט פענדזל, מיט געניטן,
אין אַן אָסיען־טאָג אַ האַרבן
אויפדאָסניי געצומען פאַרבן —

רויטע דאַמבעס, רויטע בריקן,
רויטע סקווערן און פאַבריקן,
רויטע בערג און רויטע טאָלן —
האָט מיט בלוט זיינס דזשעק געמאָלן.

ביז ער איז דאָרט אינדערשטיל
איינגעשלאָפן אויפן דיל,
שמייכלענדיק אַזוי און מילד,
ווי אַ נישט פאַרענדיקט בילד.

זענען שטריקער, שלייפער, וועבער,
שמידער, זייער, קוילן־גרעבער,
מיט די טעסליער מיט די סטאָליער
פון די ווענט אַראָפּ צום מאָלער,

און גאַנצע נעכט און גאַנצע טעג
געוועקט דעם בלייכן, בלאָנדן דזשעק,
און פון אים נישט אָפּגעקערט זיך,
ביז זיין קול עס האָט דערהערט זיך.

אויפגעשטאַנען זענען אַלע,
דזשעק אינמיטן מיט זיין כלה,
און מיט בילדער ווי מיט פאָנען,
ברויט ביים לאַנד געגאַנגען מאָנען!

צו להכעים

ער האָט דעם אָדלער געבונדן און פאַרזיגלט
דעם קאַשעניל אויפגעהויבן און באַפליגלט,
דעם פוקס, די קאָפּערשלאַנג אויסגעלערנט פליען
און וויל ווי פאַר געטער פאַר זיי איך זאָל קניען.

ער וויל מיט שרעק די זון פון מיר פאַרשטעלן,
גיין איך זאָל דורך טעג, ווי דורך פינצטערע טונעלן,
אויף די גאַסן פון זיין מאָנסטער־מאַסקאַראַד
נישט דערקענען כ׳זאָל דאָס פנים פון מיין צד.

ער וויל כ׳זאָל ווערן מיט האַס פאַרפּלייצט,
פון שנאה איינגענער צעפיבערט און צערייצט,
אין שפּיזן שטיינערנע צעמאַנגלט און צעריבן,
נישט קאָנען איך זאָל לאַכן, נישט קאָנען איך זאָל ליבן.

נאָר מיט ליבשאַפט אויף צו להכעים אים איך גיי
דורך חשכות, שטורעם און זאַווייי,
ווי מזרח־טעכטער מיט די קרוגן אויף די קעפּ
און דעם וווּנדער־ווײַן אין האַרץ פון פאָלק איך שעפּ.

נאָך יעדן בויג, נאָך יעדן פאַל
איך קער צוריק זיך אום צום קוואַל.
און די ליבשאַפט וואָס אין האַרצן מיינס איך טראָג,
שטאַרקער איז פון אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט.

פון דער אַרבעט

גאַסן וויגן זיך ווי בריקן,
מענטשן שמעלצן זיך צונויף.
טרוימען שפּיגלען זיך אין בליקן,
די נאַכט איז יעדן אַ בעל־חוב.

ס׳לאָזט אַ מענטש אויף די מאַשינען
אַ פּענעץ טאָג אין יעדן שטאָך,
ווײַל ער איצט אין נאַכט געפינען
די טעג צעשווירענע פון וואָך.

שטראָמען כוואַליעס אויף די ראָגן.
ווייקלען מענטשן זיך אין קנוילן
זוכן אויגן די פּאַרטאָגן
פון אַ לעבן פון אַ הוילן.

פּאָכען הייזער מיט די טירן.
ברענט אויף שטאָט אַ פייער־קרוין,
און די לבנה גייט שפּאַצירן
אין שוואַרצאַפּלען פון המון.

שטעפּן זוילן אוים אויף ברוקן —
שוואַרצע שטעך אויף ווייסן שניי.
שפּאַנט די נאַכט אויף רונדע רוקנס
און די האָפנונג צווישן זיי.

עס ווינקט דער הימל אין די הייכן,
עסווירבלט גאַס ווי אַ טייפון.
ווער עס וויל דעם טאָג דערגרייכן
זוכט ביינאַכט די העלע זון.

האַרבסטיקער זאַווײַ

אין אַ בלינדן האַרבסטיקן זאַווײַ
כ׳האָט אַ ווינט פֿאַרבלאָנדזשעט צו מײַן טיר
און מיט צעפֿליקטע פֿליגל צוויי
אין האַרץ אַרײַנגעריסן זיך צו מיר.

איך האָב קיינמאָל נישט געפֿרעגט אים,
וואָס אים געבראַכט עס האָט אַהער.
איך האָב די ווונדן נאָר געפֿלעגט אים,
ד׳עם פּײַן געלינדערט און נישט מער.

אויסגעלערנט כ׳האָב אים ליבן
די רו, וואָס ליבשאַפֿט נאָר געבערט,
און דעם וואַנדער־לוסט פֿאַרטריבן,
וואָס צו ווינטן נאָר געהערט.

אַלע סודות כ׳האָב פֿאַרציילט אים,
ווי געקענט כ׳וואָלט אים שוין לאַנג.
אַלע ווונדן כ׳האָב פֿאַרהיילט אים,
נאָר געבליבן ער איז קראַנק.

ער שמעקט מיט ריחות פֿון געוויטער,
ער שפּאַנט מיט אימפּעט פֿון ווירוואַר.
איך בין פֿון פּײַן אַצינד זײַן היטער,
און ער פֿון אײַנזאַמקייט מײַן האַר.

איך בין אַ פּאַסטוך

איך בין א פּאַסטוך און פּאַשע טעג
אויף גרינע טרוימען פון מיין מאָרגן,
האָט אַ וואָלף אין מיטן וועג
מיינע שעפּעלעך דערוואָרגן.

פון ווייסע טעג ווי ווייסע שאָף
ס׳איז געבליבן מיר אַ ניגון.
און די בענקשאַפט איז מיין שטראָף
פאַרן וויין פון זייגע בליקן.

ער איז געקומען ווי אַ יעגער
און אַ ווונד אין ברוסט געלאָזן.
איז היינט אומרו מיין געלעגער
און דער ווירבל־ווינט מיין חתן.

מיינע נעכט — ווילדע אָקסן אין גאַלאָפּ
איך — דער רייטער און דאָס פעלד.
איך הייב זיך אויף און פאַל אַראָפּ,
עס טראָגט אויף הערנער מיך די וועלט.

רייף מיין לייב — און גאָלדיק ווי אַ זאַנג.
מיין האַרץ — אַ ברונעם מיט שפּינוועבסן פאַרוועבט,
וווּ ס׳האָט אַ דורשטיקער שוין לאַנג
א טרונק דאָרטן געשעפּט.

איך בין אַ פֿאַסטוך און פֿאַשע טעג
אויף גרינע טרויטען פון מיין מאָרגן,
האָט אַ וואָלף אינמיטן וועג
מיינע שעפעלעך דערוואָרגן.

אין אַ נאַכט אַזאַ

אַ צעשפּאָלטענע, נאַקעטע נאַכט אויף שאָטנס זיך טייכיקע וויגט
און עס שווימט אויף איר דער חלום
פון מיין דור.
בילדער, בלעטער, אותיות —
צעדרויבעט און צעדריקט
וואַנדערן
אויף גרענעצן פון וואַנזין און פון וואָר.
מיט קליידער־קנויל צעלעכערטן אין בלוטן אויסגעווייקט
ס'האָט אַ שד די טיר געעפנט האַלבע נאַכט.
טאַנצנדיק די בגדים לאַנגזאַם אויף בעט מיינס אויסגעלייגט
און מיר האָפערדיק אין פּנים זיך צעלאַכט.
אַ ווייל געדויערט האָט זיין גלעזערנער געלעכטער,
ווי אַ שטורעם מיינע שויבן וואָלט צעבראָכן
און ווידער שטיל.
נאָר די שטילקייט שפּיזיקע
האָט טיפער נאָך פון לאַכן זיינס געשטאָכן.
די שוואַרצע צעטראָטענע אותיות
ער האָט
אין שטערן פאַרוואַנדלט
און מיט אַשיקע, לאַנגע צוויי הענט
אין ברוסט מיינס פאַרזייט זיי ווי זאָט.
דאָס אַלטע פאַרכישופטע שטערן־געבלענד
ס'האָט טיפער און טיפער אין לייב זיך געגראָבן
און ווי פאָספאָר אין בלוט זיך נאָך שטאַרקער צעברענט.

מיט גופלאָזע קליידער אַנטקעגן דעם שד
איך דריי זיך אַ דולע און דריי,
אין לעכער פון קוילן דער בליק מיינער זעט —
די פּנימער אַלץ נאָך פון זיי.
אַ מירטן־גרין אויג ווי סוף־חודש לבנה די גרויס
מיט ווײַעם פון רויכן געקרייזלטע דינע
מיטאַמאָל איבער מיר זיך באַווייזט
און נעכט אַלע שלאָפלאָזע, קילע
מיט באַהאַלטענעם ווייטיק געשפּייזט
ווי טרערן פון אים רינען אויס.
פינצטער דאָס אויג ווערט און לער,
פּוסטער, טיפער, הוילער און אַנגסטיק נאָך מער,
ווי קענגן חלל אַ לאַנגע, שטאָלענע רער,
ס׳קוקט איין זיך דאָס אויג אויפן פלאַם אין מיין ברוסט.
מיט הענט, מיטן גוף
דאָס מוראדיק אויג פאַרשטעלן איך פּרוּוו,
נאָר ס׳גליטשט זיך אַרויס, שאַרט זיך אַוועק,
און איך אין גאַלאָפּ
אויפן רויטן פערד פון מיין האַרץ
יאָג זיך, יאָג
ביז דעם האָגל פון ליכט
ביים ריוו פון פאַרטאָג.

האָסט אין האַרץ געלאָזט מיר אַ באַציל

האָסט אין האַרץ געלאָזט מיר אַ באַציל,
וואַקסט עס דאָרטן אינדערשטיל
אויף די זאַלצן פון געוויטערס,
אין די ברוכן, אין די שפּליטערס,
מיט די וואָרצלען טיף פאַרזייטע
פון אַ חלום אַ פאַרשנייטן.

נאָך האַלבער נאַכט, גאָר אומדערוואַרט,
די גלאָוניעס ווער אויפסניי צעזשאַרט,
דעם טרוימען־קנופּ געהיים צעבינדט
און פירט ביים האַנט מיך ווי אַ קינד
צום בלויען נס פון יענעם פונק,
וואָס רירט דיך אָן און דו ווערסט יונג.

ווי לאַנגע צעפּ די שוואַרצע נעכט
אויף אַקסלען מיינע איך צעפלעכט
און קוק פון זיך אַליין אַרויס,
ווי פון אַן אַלט פאַרחתמעט הויז —
אַ מיידל יונג און גלויביק נאָך
דורך דינעם ליכט פון שליסל־לאָך.

ערב באַגינען

די הוידע פֿאַרבונדן הויך צו די שטערן,
מיר הוידען זיך ביידע אינמיטן דעם רוים.
מיין ליבער, דו הערסט, איך וואָלט שווערן,
נאַכט איז נאָר שוואַרצער, צעבלאָזענער שוים.

זע ווי זי הייבט זיך, טאַנעט און זינקט.
אָט בינדט זי די שטאָט ווי אַ ווילדן בוהיי,
אָט כאַפּט זי די וועלט אַרום און פֿאַרשלינגט,
און באַלד איז זי ווידער אויס און פֿאַרביי.

ווי ווייט איז, מיין ליבער, פֿון נאַכט צום באַגין?
ווי ווייט קאָנען זיין די ווייטן פֿאַר די,
וואָס ווייסן דעם וועג שוין צו גרייכן אַהין
און הייבן ווי אָדלער זיך אויף אין געפֿלי —

זע, אַ פֿלעמל דאָרט צאַנקט, ווי אַ ליכטל אַ דאַרס,
און דער מילך־שליאַך בלענדט, ווי אַ רויטער גאַלון,
אָט שטרעק איך די הענט אויס און ריר אָן דעם מאַרס,
אָט צי איך אַרונטער פֿון הימל די זון!

קום לאָמיר שפּאַנען ווי פֿערד די פּלאַנעטן
און פֿאָרן צו וועלטן נאָך קיינמאָל אַנטדעקטע,
וואָס וואַרטן שוין לאַנג ס׳זאָל מענטש זיי באַטרעטן
און צערטלען די פּירות פֿון זונען געפֿלעגטע.

ווי איז צו דעם, וואָס גיט זיך דער פינצטערניש אונטער,
וואָס האָט נאָך זיין גבורה קיינמאָל געפּרווט,
און זעט נישט ווי ס'שוואַנגערן יאָרן מיט וווּנדער,
און הערט נישט ווי גורל צו גליק זיינס אים רופט.

זעסט ווי אַ שייטער אין ווייטן זיך צינדט?
הערסט ווי עס ציטערט פון ווייען די ערד?
אַ שיף דאָרט מיט לעצטקייט גייט אונטער אַצינד,
וואָס האָט אונדז דורך דורות דאָס לעבן פאַרשטערט.

זע, ווי חשכות פאַרשווינדט. שאָטנס פאַרגייען.
באַלד וועט פון נאַכט מער קיין זכר נישט זיין.
מיר וועלן נאָך טרויבן אויף וואָלקנס פאַרזייען,
און רעגענען ס'וועט נאָך פון הימל מיט ווין!

אַ רייזע אין אַ טופּאָליעוו

I

ווי אַ ווייסער, זילבערנער געלעכטער
ס׳איז דער טופּאָליעוו פון מאָסקווער האַרץ אַרויס,
אין געפלאַטער זיך צום הימל אויפגעהויבן,
ווי אַליין די ערד פון זיך געטאָן וואָלט אים אַ שטויס.

אַ געפליעסק פון בראַוואָ־פּאַטשנדיקע שויבן.
אַ טייכן־טאַנץ פון גאָלדיק רויטלעכן בורשטין,
אַן אָפּן־אויגיקער באַגין
אין שפּיזן פון אַ טאַנצנדיקער ראָד
אונדז יאָגט מיט שפּורן לעצטע פון דער שטאָט.

אונטן וויגט די ערד זיך ווי אַ ים,
רונדיק, דורכזיכטיק און בלאָ
מיט שטעט און דערפער אויפן דנאָ —
מיטאַמאָל פון ערד געוואָרן איז אַ פאַרמעט אַ צעשפּרייטער
מיט משופּעדיקע, בלייכע יעראָגליפן.
וואָלקנס, לאַנגע, ברייטע,
ווי זקנים מיט באַוואָקסענע גרייז־גראָע קעפּ,

לאַנגזאַם, ריטמיש זיך ציען
און לאָזן אויף הימל ווייסע וואַטענע טרעפּ.

אַ לאַנגער ליכטיקער לויתן מיט אַ פּאַלאַץ אַ פאַרשלונגענעם
אין בויך
שווימט אַריין אין טראַכט פון רוים.
פון שנעלקייט דאַכט זיך ער באַוועגט זיך קוים.
ווי א וואָגשאָל ריזיקע מיט פליגל ער בייגט זיך אין דער הויך
און דעם קאָסמאָס ער צעוועגט און צעמעסט.

דורך מתנות עלפאַנטן פאַרפרוירענע אין שלאָף
פעלזן גאָלדענע צוגעדעקט מיט שניי
הירט די זון — אַ פאַסטוך אַ פאַרחלומטער צום טייך —
קליינע, יונגע וואָלקנדלעך ווי שאָף.

אַ ווייכע, ווייסע וווּנדער־וועלט
אויף קעפּ פון פעלזן זיגזאַגעדיק צעשטעלט
מיט פאַרבן נאָר פון זון געמאָלן,
מיט ביינוואָל־צווייט די פעלדער און די טאָלן,
מיט צויבער־וויזיעס פון חלומות אויסגעצירט,
פון טריט נאָך קיינעמס נישט באַרירט.

שלעסער בלענדנדיקע, הויכע, ריי נאָך ריי,
נאָר קיין שליאַבן, און קיין טירן
דאָ צו זיי אַהער נישט פירן
טורעמס מיט שפּיצן צו דער ערד,
ווי אין וואַסער־שפּיגלען אומגעקערט.
סטייעס טויבן פאַרפרוירענע אין פלי,
קאַרשן־ביימער ברייטע, פאַרבליבענע אין בלי,
וואַסערפאַלן קלאָרע, ווי דינע פאַסן זייד,
ווו ס׳דרימלט אין די טיפן נאָך די צייט.

טעמפּלען מיט מאָזאַיק אויסגעפלאַסטערטע קופּאָלן,
מיט טאָפּאַזן, מיט זעפירן און קרישטאָלן
אין פייער־פינקל מיניענדיקן קאַלטן,
ווו פיראַטן־דורות וואָלטן אוצרות דאָ באַהאַלטן.

זעגל־שיפן גילדענע אָן שיפער,
מאַסטן אינמיטן שטורעם־שטרייט פאַרגליווערט,
זילבער־פערד פאַרשטיינערט אין גאַלאָפּ
און פון זיי עס קוקט בראשיתדיק די אייביקייט אַראָפּ.
אויף שלעסער, מאָנומענטן און פיגורן
פון תוהו־ובוהו עס ליגן נאָך די מוראדיקע שפורן
און וואַרטן אימהדיק פאַרבענקטע אויף אַ נס,
וואָס זאָל פון שטאַרער שטומקייט זיי דערלייזן.

II

ס׳טאַנצט דאָס ליכט פאַרטאָגיקע אויף בלאָנדע, ברוינע, גרויע קעפּ.
כוואַליעס ווייסע ציין —
טירן ליכטיקע צעעפנט אין דער נאַכט.
עס פינקלען סטרונעדיקע, לאַנגע, שוואַרצע צעפּ.
פון הויטן, אויגן און פון שפּראַכן אַ געמיש
הוידעט זיך אויף זוניקע פאַסאַדן.
ווי וויאָסלעס אין לבנה־נעכט אויף טייכן פליעסקען הענט.
מענטש און מענטש מיט דופטן פון פאַרשידענע קלימאַטן
טרעפט זיך, גריסט זיך און באַקענט.

פון ווערטער, קלאַנגען אַ געדויש, ווי טרעשטשענדיקע צווייגן
אין קאַמין,
טראָגט פון אומעטום זיך צו מיין אויער.
ערגעץ רעדט מען פון אַ נייער צייל־מאַשין,
וואָס פירט שוין אַוטאָמאַטישע זאַוואָדן,
פון ווינטן שטויביקע, פון היצן, פאַרפלייצונגען און פרעסט,
וואָס פאַרניכטן דעם פאַרזיי,
פון פלוימען פון סיבירער, פון ווייצן קאַזאַכסטאַנער,
פון זאָטן אויסגעפּרוּווטע, וואָס וואַקסן שוין אין מדברדיקן באָדן,
פון רערן און מאָטאָרן פון שטאָל און פון אייזן,
וויפל נאָך דאָס יאָר אַ הויב טאָן מ׳עט באַווייזן;

עמעך פון אַ צייט אַזאַ מין רעדט,
וואָס פריער נאָך פון קליידער אויפן לייב און היימען אין די
שטעט —
צו בויען האָט געצוואונגען נאָר אַ לייטער צו דער לבנה,
אַ טויער צו די שטערן.
שמייכלען געאַלאָגן, לאַכן אינזשיניערן,
און אַ געלעכטער זיך אַ הילכיקער צעשיט,
ווי שפליטערס פון אַ פעלזיקן גראַניט,
און אומבאַמערקט
עכאָדיק פארגייט
ביינאַנד מיטן באַגין.

ביים פענצטערל פאַרצירוועטן מיט שטראַלן פון פאַרטאָג
זיצט אין שאָטנס זילבערנע אַ יונגער געאַלאָג.
זיין פנים דאָס געשפרינקלטע ווי קאָרן־ברויט מיט קימל,
נישטערדיק דורך שויב ער קוקט אַרונטער צו דער ערד,
ווי אַ הויב טאָן ער וואָלט וועלן זי צום הימל.
אויף האָר די פלאַקסענע עס פאָרט די העלקייט דאַכט זיך מיט
פון פעלדער פאַרן שניט
און אין בליק זיין דורכזיכטיקן, קלאָרן —
די בלויע ווייסקייטן פון נעכט די לענינגראַדער,
די שטאָט פון זיין געבאָרן.
צום מדבר דורשטיקן
ער פאָרט מיט אַ בריגאַדע געאַלאָגן
און לערנט זיך אויף שפראַכן אַנדערע אין וועג
„זדראַסטוויטיע טאָוואַרישטשי" צו זאָגן.

III

אַנטקעגן מיר אַ פֿייערטע אין רויטן פֿלושענעם פּאַטעל,
אין בונטן אויסגעהאַפּטן קלייד ווי אַ וואַנגאָגישער געמעל.
אויפֿן קאָפּ אַ גרין געבלימלט טיכל.
ביי דער זייט מיט פֿערזן לערמאָנטאָווס אַ ביכל.
ווי וואָרצלען די הענט צעאָדערטע אין שוים.
מיט בליקן האַלב נישט, דאָאיקע אין רוים דורכן שויב זי קוקט
אַרויס,
ווי אויף אַ ראַדיאָ אַ געהיימער זי וואָלט אַן אויסטערליש
געזאַנג געהערט.

נאָר פּלוצים וועקט דאָס מיידל זי פֿון חלום אויף —
אַ טאַץ צעפֿינקלטע מיט בולקע ווייצענער מיט פּריש געבראָטן הון
זי שטעלט אויף טישל אירם אַרויף.

מיט אַ שמייכל אַ פֿאַרוואונדערטן, ווי לאַנדיש האַלב צעעפֿנט,
אויפֿן מויל,
די גאָפּל-מעסער זילבערנע פֿון סעלפֿאַן צעשורשעטן זי וויקלט
לאַנגזאַם אויס,
ווי דאָס לעבן אירס פֿון דאָרט זי וואָלט צעוויקלט,
מיט פּנים איר צעקאָרטשעטן, ווי פֿעדים זיידענע אַ קנויל,

און אויגן אויסגעלייטערטע מיט טראָפּנס דורכזיכטיקן טוי
צו מיר זיך ווענדט,
ווי שוין לאַנג מיר וואָלטן זיך געקענט.

„ערשט נעכטן, דאַכט זיך נאָך, מיט נעגל אויסגעגראַבלט
כ׳האָב אַ בולבע פֿון דער ערד,
אין גרודעס בלאָטיקע מיט קינדער נאָך געשטאַנען ביז די קני,
און היינט דורך וואָלקנס צו זון מיינעם דעם אינזשיניער איך פֿלי“.

זי זוכט דעם ענטפֿער אין די רוימען ערגעץ ווייט,
דאָרט, ווו ס׳דרימלען טעג נאָך נישט געבוירענע אין בויך פֿון צייט.
ווידער הענגען אויפֿן שויב צוויי טראָפּנס טוי
אי טונקל־אָוונטיק, אי ליכטיק־בלוי.

IV

ביים לופֿט־קאַמער פֿאַרמאַכטן נעבן נאָז פֿון עראָפּלאַן
זיצן פּאַסאַזשירן יונגע פֿון אַלזשיריע, קאָנגאָ און סודאַן.
אַ גרויער, מאַגניטאָגאָרסקער וועטעראַן
מיט אויגן פֿיבערדיקע, מידע, ווי פֿאַר עקזאַמענס אַ סטודענט,
פֿון אַ ווייסער ווינטער־נאַכט דערציילט,
ווען די וואָלגאַ האָט געברענט,
ווען די כוואַליעס האָבן, ווי וואַלפֿישן דערשטאָכענע, מיט בלוט
געשפּיגן.
און סטאַלינגראַד געכאָרכלט האָט אין פֿלאַמען ווי פּאָמפּיי...
הערן אַלע שווייגנדיק,
און עס דאַכט זיך: אין די אויגן — די שטאָט נאָך ברענט אין זיי.

V

עס פליט אין רוים דער ליכטיקער לויתן —
פון דניעפּער, פון אַנגאַראַ און דעם דאָן
צום גאַנגעס, צום ניל און דעם הואַי -
אַז אויף די הערנער ווילד ווי אַ בוהיי
זיי זאָלן צו די שוועלן מענטשלעכע נישט מער
די קללות ברענגען פונעם טויט און פון צעשטער.

די זריעה פון פעלדער און רינדער,
פון גערעאַנגלען און מי די טראָפּייען,
דעם פלאַם פון דעראָבערטע שטערן,
פון יאָרן צענדליקער — דעם קערן —
צו ברידער אין לענדער ווייטע זיי פירן.

עס פאָרט אַ דור, וואָס האָט דאָס לעבן זיינס,
ווי שטיין מיט שטיין אויף פונקען אויסגעריבן.
אַז ליכט זאָל פאַר דורות זיך צינדן.

אַ ווינטער־נאַכט אין מאָסקווע

אויף גאַסן ליכטיקע ברייטע ווי שורות וואלט וויטמאַנישע,
אין מענטשן־געפלייץ, שפּראַכן־געמיש, מיט גבורה געהיימער באַפליגלט,
אין שימער פון בליקן־געבלענד, אין געזיכטן פון זין אַפריקאַנישע
מיט חלום ביינאַכטיקן יונגן כ'האָב מיין ווייסקייט מידע געשפּיגלט.

אין ווינטן־געשפּאַן, דורך געסלעך, פּאַרקן און סקווערן,
דורך שנייאיקן נאַקעט מיט דער נאַכט ביינאַנד כ'בין געגאַנגען.
אין פראָסט באַזילבערטע נעצן, ווי שיכורע פישלעך די שטערן
כ'האָב מיט אויגן דורשטיקע וואַכע אין ניאָן־טייכן געפאַנגען.

ווי שיפן קאָסמישע, קאַרוסעלן מיט פרישן צעקאָרקעטן געלעכטער —
נייע קוואַרטאַלן ווי לאַנגע גלעזערנע באַנען מיט זונען־באַלאַד,
אין צעשטויסענעם שטערן־געפלאַם, אין זילבערנע שוימען פון בעכער
עם פּאַכען די ברוקן, ווי צום פלי ס'וואָלט געגרייט זיך די שטאָט.

אַ בלאָנדע לבנה ס'האָט ערגעץ לחיים ביים שוועל פון אַ טויער געטרונקען
ביינאַנד פון איין פלאַש מיט אַ יונגן צעטאַנצטן מאַטראָס,
אַ יאָלקע מיט גאָלדענע מיילער האָט די נאַכט אין סקווער איינגעשלונגען
און ווינקט זיך ביינאַנד מיט אַ רויטן ווייסבאָרדיקן „דאַדיאַ מאָראָז“.

מיט גאָרקין אין האַנט אַרויס פון אַ טיר איז אַ פויער אין
אַ לאַנגן קאָזשוך
און מיט וואַרעמע בליקן ס׳האָט דורך שויבן באַגלייט אים מאָליער.
אין ביכער־וויטרינעס, ווי העלע וואָקזאַלן — דער פרילינג פון בוך
געבראַכט האָט די ריזן פון דורות און לענדער די ווייטסטע אהער.

אין גאַנג דיין זיכערן, מאָסקווע, אין קלימפּער־געפּליעסק
אויף די ראָגן
מיט טרוימען ברוקירטע און האָפנונגען נייע גענערט
געוואָלט כ׳האָב דיין מאָרגן מיט בליקן פאַרבענקטע דעריאָגן
און די פּירות באַרירן, וואָס זייען מיט בלוט זיי געוועןן
איז באשערט.

כ׳האָב ליב דיך מאָסקווע, ס׳האָט מיין גורל געלערנט דיך ליבן,
פון בראָך יעדן טיף ס׳איז דער שניט, נאָר מיין גלויבן אין דיר
כ׳האָב פאַרהיט
דערפאַר אויף אַ בוים אַ פאַרשנייטן, כ׳האָב מיין חלום פאַרשריבן,
אַז אויפגיין ער זאָל אין פרילינג ביינאַנד מיט די קנאָספּן און צווײַט.

ווער ביסטו לבנה'לע קליינע?

ווער ביסטו לבנהלע קליינע? דיין סודותדיק קול וואָס באַדייט?
ווער שטויסט דיך אין ספערן, דו נייער פאַרטייעטער רייטער?
וואָס האָט דיך מיט גבורה פון ערדישע צוואַנגען באַפרייט?
פון תפיסה עס האָט גאַלילייַ און ברונאָ פון פלאַמיקן שייטער
די הימלען געגישטערט, געמאָסטן, געוויגן דעם גאַנג פון די שטערן,
דורך נאַכטיקע שפאַלטן האָט קעפלער, קאָפּערניק, מיט שכל
געכפלט פון ריזן,
דעם שליסל צו וועלטן געשליפט, פון שלעסער פאַרהאַקטע
די כללים געלערנט
און מענטשן צו פעלזן געקייטלט, דעם וועג צו די הימלען געוויזן.

לבנהלע קליינע, אַ וווּנדער דו גרויסער פון מענטשנס באַשאַף,
דיין יחוס דערציילט און ווייטער פון טרוימען דערפלי.
דיין זיידע געוועזן איז אַ לייבקנעכט ביים גראַף,
דורך דורות געשטאַנען פאַר אים אויף די קני,
פון בייטשן געבויגן, פון הונגער פאַרצערט,
ווי אַ מוילוואָרף אַ בלינדער ער האָט מיט די נעגל
געגראַבלט דאָס סקאַריקל ברויט פון דער ערד
און מיט שוויים און מיט בלוט יעדעם זעמדל באַרעגנט.

לבנהלע מיינע, דיין פאָטער אַ זון איז פון רויטן אָקטאָבער,
וואָס האָט זיינע קייטן אויף פליגל פאַרביטן,
די שפּייכלער פון זעט און די טעמפּלען פון וויסן דעראָבערט.
דורך בראַנדיקע וועלדער אַ וועג פאַר דער מענטשהייט געשניטן.

דורך דאָרע, צעאייטערטע יאָרן מיט דעכער צעפליקטע פון קוילן,
דורך הונגער, מגפות, דורך לויער און שווערד,
דעם חלום פון דורות אין שאָטנס פאַרנעפּלט, פאַרהוילן, —
איר האָט מיט לייב זיינס געוואָרעמט, געהיט און גענערט.

לבנהלע מיינע, די גאַלאַקסן ווייטע אין הימלען דערצייל,
דיך האָט נישט די פּעלזיקע בייזקייט פון קראַטערס געבוירן,
און ביסט נישט פון לאַוועס פאַרקילטע קיין טייל
אין דיר ליגט דאָס ברויט, די פרייד פאַרצוקטע פון יאָרן;
די קינדער, די מאַמעס, די היימען פון טאַנקען צעטראָטן,
די טריומף-געזאַנגען פון העלדן, פאַרשטומט אומגעריכט.
אין דיר האָט אַ דור זיין יוגנט פאַרקנאָטן,
איז דאַרפסטו ביי זונען נישט באָרגן קיין ליכט.

לבנהלע מיינע, אויגן מיליאָנען זיך הויבן מיט דיר אין די הייכן,
פון אייזיקע באַרג-קעפּ, פון פלאַכן, פון טאָליקע טיפן,
אין כאַטעס, אין קעלערס, מען וואַרט דיין קול זאָל דערגרייכן.
פון ערדקויל אַרום מען קוקט דערשטוינט דורך שפּאַקטיוון,
ווי עס אַקערט די שטערן אַ סאָוויעטישער פויער,
ווי דער שניידער אַ מאָס נעמט אַראָפּ פון פלאַנעטן,
ווו דער מיינער פון פינצטערע שאַכטעס צו זונען עפנט דעם טויער
און וועלטן ער רופט מיט זיך גיין אין געוועטן.

לבנהלע מיינע, דעם זיג פון דיין לאַנד אין וועלטן צעטראָג,
זיין בשורה פאַרשרייב אויף אַלץ, וואָס דו זעסט.
די מילע־מיליאַסן פון מילכוועג צעגליטערטן — זאָג:
מענטש אויף דער ערד גייט אַרוים היינט פון חיה־פאַרמעסט,
אין אויגן פון לעבן די שרעק וועט פאַרשווינדן.
דאָרט ווו כאַאָס און וואַנזין, געבאָט פון שכל וועט הערשן,
דאָרט ווו שנאה צעטיילט, ס'וועט פרידן פאַרבינדן,
און ליד פון מענטשנס באַשאַף צעהילכן וועט אוניווערסן.

(1958, צום ערשטן סאָוועטישן ספוטניק)

אין אַ שטאָל־פאַבריק

אַ צעשטורעמטער וואַלד מיט לאַנגע צעבליצטע אַלייען.
פעלזן מיט דונערם פארשפארטע אין טראכט.
טענץ פון מעטאלן.
פייערפאַלן.
געפאנגענע ווינטן אין ווייען
קאָלאָסן אוראַלטע אין ריטמיש געהיימען געלאָף.
וועלטן נייע ביים ראַנד פון באַשאַף.

ביי אויוונס צעעפנטע שמאָלע, ווי טירן פון חיה׳שע שטייגן,
געשטאַלטן האַלב נאַקעטע שטייען מיט שווייסיקע ברוסטן
די קעפ אין טוכן נאַסע פאַרהילט,
די אויגן מיט ברילן שוואַרצע פאַרדעקט
מיט שטעקנס לאַנגע אין הענט
מישן און מישן די כוואַליעס צעשמאָלצענע שטערן
ביז טשערעדעס גאָלדענע ווערן,
ביז אין פאַרבן פורפורנע רויטע די סטעליע באַדעקט זיך,
ווי די זון דאָרט פון שלאָף וואָלט געוועקט זיך.

אויבן — אַ מיידל מיט ווינטל פאַרנאַכטיקס אין בליק,
אויף אַקסלען די צעפ ווי טייכן צוויי שטראָמען.
אין אַ קליינער, פאַרמאַכטער קאַבינע
דאָס האַרץ פון פאַבריק
זי האַלט אין פינגער זיידענע דינע
און מיט יעטוועדן דריק
דעם שטורעם אין וואַלד דיריגירט.

וואַלץ־געשטעלן, הייב־מאַשינען, קראַנען און טורבינען,
קראַטערס מיט הויטן פֿאַרטריקנטע ברוינע,
שטיגן געשלענגלטע רונדע,
טיגלען פֿאַרקלאַמערטע שטומע, פֿייערפֿעסטן און ווענטילן
אין פֿאַרמעסטן
איינער נאָך צווייטן זיך יאָגן,
ווי אַ האַרץ ס'וואָלט אין יעדן געשלאָגן.

יאַגוואַרן אייזערנע ברייטע מיט הונגער פֿון דורות
שטאָלבויגנס ריזיקע שלינגען
און זונען נייע געבערן.
שטאָל, שטאָל, שטאָל!
רעדער, רערן און מאָטאָרן
פֿאַר דעם מדבר, פֿאַר דער טייגע און דעם סטעפּ,
פֿאַר די דאַמבעס, פֿאַר די בריקן,
פֿאַר די היימען, פֿאַר די וויגן,
פֿאַר דעם לייטער צו די שטערן,
אַז ליכטיק זאָל אומעטום ווערן.

דאָס נאַכטיקע געזאַנג

אויף וואָלקן־קישנס אויסגעבעט אין הימל
ווי אַ קאַץ ליגט, אַ פאַרנורעטע אין דרימל
די האַלב־חודשדיקע, געלבלעכע לבנה,
און די נאַכט אין אַ שוואַרצער, זיידענער קימאָנע
שאַרט זיך יונג און מיידלש דורך דער שטאָט,
ווי יעדן זי וואָלט איינגערוימט אַ סוד.

דאָ און דאָרט אין הויפן שלאָפלאָזע און סקווערן,
טאַנצן שאָטנס נאָך אין ליכט פון אַ לאַמטערן,
און פלאַטערדיק אין צווייגן פון צעבוימערטע אַלייען
מיט חשכות זיך באַהעפטן און פאַרגייען,
נאָר אַ ווינטל אַ פאַרשפעטיקטס אין די בלעטער
זוכט דעם צווייט נאָך פרישן אין די סעדער.
פון ווייטן טראָגט דורך רוים זיך אַ געזאַנג —
אַ ניגון אַזוי נאָגנדיק און באַנג.
דאַכט זיך ערגעץ ווו געהערט שוין כ׳האָב אַמאָל אים,
כ׳ווייס נישט צי אין וואָר, און אפשר גאָר אין חלום,
ווער איז ער דער ניגון ווי איך אין געוואַנדער,
וואָס אין שטעטל אַצינד מיר אין אַלטן דערמאָנט ער?

צוריק, צוריק, ווי דורך יאָרן פאַרשוואונדענע איך לויף,
באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף,
דורך די פעלדער, דורך די בריקן,
צו דעם ניגון, צו דעם ניגון,
ביז ערגעץ צווישן ביימער אויף אַ ראָג אים
אַ פאַרסאָפּעטע כ׳דעריאָג אים:

דורך כאַטקעס לײמענע מיט לאָדנס צוגעמאַכט,
אין שװײסן אױסגעװײקט, געשטאַלטן גײען, סאַפּענדיקע אַכט
און אַ גיגאַנט אַ שטאָלענעם אין שטריק,
אױף ברעטער אים זײ טראָגן באַרג אַרױף צו אַ פאַבריק
און זינגען דבקותדיק אַ זמר האַלבע נאַכט:
„שלעפּט דעם מאָטאָר, שלעפּט דעם מאָטאָר ברידער"!
זײ רוען אױף אַ ראָג זיך אָפּ אַ װײל,
לײגן װי אַ קינד אים צערטלענדיק אַ נידער,
און הײבן מיט התמדה אױף אים װידער. —
דורך װעג צעהױקערטן, װי אױף גלײכע, סאַמעטענע שטיגן,
זײ גײען — און פאַרױס דער ניגון.
מיט הענט צעװאָרצלטע, מיט בליקן צעפינקלטע, פײכטע
די שטאָל־מאַשין זײ טראָגן,
װי דאָס האַרץ פון לאַנד אין איר װאָלט געשלאָגן:
„שלעפּט דעם מאָטאָר, שלעפּט דעם מאָטאָר ברידער"!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אױף ברײטן, זאַמדיקן שאָסײ,
עס שלינגט די נאַכט די שאָטנס אײן.
עס בלײבט דער זמר נאָר פון זײ, — — —
אַ שליסל־קלאַנג געהײמער אין נאַכטיקן געהױער,
װי פון פרימאָרגן װער געעפנט װאָלט דעם טױער.

אַ פֿאַרנאַכט אין האָפּיי

אַ פֿאַרנאַכט מיט ריחות פֿון געווירצן, לאָטוס און יאַסמין
שאַרט פֿון מערב בערג אַראָפּ זיך צו האָפּיי,
נאָר גאַסן צאַפּלען מיט אַ וואַכקייט פֿון באַגין,
ווי די צייט פֿאַרגעסן וואָלטן זיי.
סקווערן הוידען זיך צעטרייסלטע, ווי שיפֿן,
רעדער וועלגערן די וועגן מיט באַלאַד,
קוימענס שרייבן אויפֿן הימל יעראָגליפֿן
און אַ ווינטל ערגעץ דרייט זיך אין אַ ראָד
מיט אַ זמר שפּאָגל־ניי: —
„יאַהיי"! „יאַהיי"!

פֿון אַ טעמפּל־דאַך אַ רויטן מיט פֿאַרזשאַווערטע דראַקאָנען
אין טייך אַריינגעפֿאַלן איז די זון.
פֿון אַ פּעלזן־קאָפּ אַ בלויען מיט סעדער נייע ווי באַלקאָנען
קוקט אַ מילדער, אַ פֿאַרטרוימטער אויף די כוואַליעס לו סון,
לאַכט די שטאָט אין פֿייער־קרייזן,
מיילער אָפֿן — פּורפּור־רויט.
טאַנצן רויכן אויף אַ וואָלקנדל אַ ווייסן
און קינדער פּאַכען מיט די הענטלעך אויף אַ פֿלויט
צו אַ באַן, וואָס פֿאָרט פֿאַרביי:
„יאַהיי"! „יאַהיי"!

ס'האָט דעם מילך־שליאַך וועדער צו דר'ערד אַראָפּגעצויגן
און צעשמאָלצן אין די הייוועלעך פֿון שטאָל,
קוקט די נאַכט מיט שוואַרצע שטיפֿערישע אויגן,

ווי עס באָדן זיך לבנות אין דעם טאָל
און טעכטער פלאַסטערן צעפּיבערטע אַ וועג
אויף דעם אַלטן, דעם צעגראָבענעם שאָסיי
און לאָזן זינגענדיק אויף שטיין אַראָפּ די העק,
אַזש די ערד טרייסלט זיך דערביי
„יאַהיי“! „יאַהיי“!

ווי אַן אורח אַ מידער פון נישט הי
צו אַ פרעמדן, ערב־יום־טובדיק הויז,
די נאַכט געקומען איז צו פרי
און רוקט זיך לאַנגזאַם, אומבאַמערקטערהייט אַרויס,
מיט אַ טראָט אַ גענעצדיקן טריבן,
איינגעהילט אין טונקל־גרוילעכן מושלין,
מיט הערבן צוגעדעקטע זיבן,
פון אַ שטאָט, וואָס האָט געפאַנגען דעם באַגין,
פון אַ זמר שפּאָגל־ניי:
„יאַהיי“! „יאַהיי“!

אויף די וועגן קיין שעניאַנג

שמאָלע, ברייטע, ברוינע, געלע, רווישנדיקע וועגן,
מיט גרינע קרייזלדיקע גריוועס,
מיט וועלאָס, פורן און קאַמיאָנען,
קלעטערן אַרויף,
קייקלען זיך אַראָפּ
אין לאַנגע עשאַלאָנען
און קוקן פּאַרסאַפּעטע אין דערפער אַריין.

וועלדער מיט העלדזער, האָניקדיקע, נאַסע,
גערטנער און סעדער —
מאָרעלן, מעלאָנען, פּאָמידאָרן,
קוקורוזע, רייז,
רערן, קוילן און מאַטאָרן
מיט לענטעס און פּאָנען רויטע באַהאָנגען,
טאָג און נאַכט צו שטעט און שטעטלעך
פאָרן
פאָרן
פאָרן.

וועגן ווי טייכן צעברויזטע מיט באַרזשעס באַדעקטע,
מיט בופלאָקס געברילן בייגאַנד
יאָגן זיך יאָגן דורך טאָלן און בערג
אין ראָזע פאַרטאָגן
צו שטאָטישע מערק.

עם שפּיגלען זיך פעלדער אין בלויקייט פון יונגע קאַנאַלן,
רייכן ווייס אין ברוין און גרין

ווי אָטעמס פֿון מיילער געהיים אָפּגעשאָרן,
הויבן זיך, טאַנצן און ווערן פֿאַרלאָרן.
וועגן מיט גרינע אָפֿענע אויגן
פֿירן געפֿאַנגענע שטערן אין זעק

ערגעץ הענגט אַ רעגנבויגן אויפֿן דאַך פֿון אַ פּאַגאָדע,
און ס'דרייט אַ בינטל שטראַלן זיך מיט שפּיזן אין אַ ראָד.
ערגעץ פֿירט מען טייכן ווי חתנים צו דער חופּה
די טראַכטן פֿון פֿעלדער פֿאַרטריקנטע צעשליסן.
יונגע מאַמעס אין היטלען שטרויענע, ברייטע
ציגל אין וויגן ווי עופֿעלעך פֿירן
אַ קינדער־היים צו בויען.
ערגעץ רוישן מילן,
און די זון דורך נעפּלען דינע ווי דורך ברילן
פֿאַרשרייבט מיט אותיות גאָלדענע די וועגן.

אַרום „הויז פֿאַר אַלטע לייט"

פֿאַרנאַכט, ווען ס'פֿינקלט פֿעקין ווי אַ שטערן־ים פֿון ווייט,
זיצן אין אַ רעדל אַרום הויז די אַלטע לייט,
מיט פֿרידן אין די אויגן, מיט הויטן קופּערנע פֿון זון
און עס יאָדלט אויף זיין שיין פֿאַר זיי ליו לאַנג סון.
די שלאַנגען־הויט פֿאַרגעלטע פֿון זיין אַלטן אינסטרומענט
ער צערטלט פֿאָטערלעך מיט דאַרע, וואָרצלדיקע הענט
און טענער ציטערן דערביי מיט האָר די לאַנגע פֿון זיין באָרד,
ווי אַלע נעכטנס פֿאַרשלאָפֿענע געוועקט זיך וואָלטן דאָרט.

ווי נאָך אַ שטורעם אין פֿאַרטאָגן אויפֿן ברעג
ס'וואַרפֿט ים דעם איבערבלייב פֿון שיפֿברוכן אַוועק,
און לאָזט אויף זאַמדן ציכטיקע די חתימה פֿון זיין צאָרן,
אַזוי אויף פּנים לו לאַנג סון די שריפֿט געהיימע טראָגט פֿון יאָרן,
אַ ליכט אַזאַ אין בליק, וואָס גייט אויף ראַנדן לעצטע אויף
ווען טאָג מיט נאַכט ביים דעמער־ברעג זיך טרעפֿט צונויף,
און אַ שמייכל אויפֿן מויל, ווי אַ פּאָדים דינינקן פֿון זייד,
אַ דורכגעצויגענעם דורך נאָדלען שטעכיקע פֿון צייט.

קעגן בייטן אויסגעוואַרעמטע, ווי ברויטן גאָלדיק ברוין,
אין בין־השמשות ווען האָניק טעצעלעך ס'פֿאַרדעקן רויזן שוין,
אונטער פֿלוימען־בוים געדיכטן פֿון ברכות פֿינף דער סימבאָל,
זינגט דער אַלטער קוילן־גרעבער לידער פֿון אַמאָל,
באַגלייטנדיק אַליין זיך אויף זיין סודותדיקער שיין
און מיט די קעפּ עס שאָקלען אַלע: „אַזוי, אַזוי איז עס געווען"!

אויפן מזרח־וועג פון כאנטשאָ, צווישן פעלזן הוילע צוויי,
געוווינט עס האָט דער פריץ טשען יו פיי,
פאַר די פעלדער זיינע, קינדערלעך ביי אונדז ער האָט געקויפט,
דאָרט אונטער זיין פאַרקאַן, דעם שטיינערנעם פון הויף,
אַנטקעגן שליאַך דעם ווייסן פון מיין דערפעלע ליציאַן,
אַ בית־עולמל אין טאָל אין נאַקעטן פאַראַן,
דאָרטן אין אַ קבר שלאָפט מיין טעכטערל סולי
מיט קינדערלעך פאַרפייניקטע ווי זי.

פון גרוב אירן נישט ווייט, ביי די ברעגן פון דעם כון
ליגט די אַלטע קוילן־שטאָט פושון.
טשען דזשין דזשיי גערופן ס׳האָבן אַלע איר אַמאָל.
מתנות יונגע זין דער האַר געשלעפט ער האָט אַהין,
נאָר אַהיים צוריק פון טשען דזשין דזשיי
געקומען קיינער איז פון זיי.

ביי דעם קוילן־גרוב „לאו כוטא“ צווישן בערג מיט שוואַרצע
גריוועס

איז א תהום פאַראַן א טיפער,
קוילן־גרעבער קראַנקע דאָרט אַריינוואַרפן מען פלעגט.
און ביינאכט דאָס גסיסמה־קול
פון שלאָף אונדז האָט געוועקט,
דאָרט אין יאָמער־טאָל, אין ערד דער האַרטער פון פושון
ליגט מיין זון.

אוי דו זיזעביי, דו זיזעביי,
פלי אַוועק קיין טשען דזשין דזשיי,
צו די בערג, וואָס הויבן זיך צום הימל ווי די שטיגן,
ווו די ביינער פון די זין אונדזערע ליגן
אוי דו שוואַן, דו ווייסע שוואַן,
פלי אַריבער קיין ליציאַן,
און די קינדער מיט מיין טעכטערל סו־לי,
וועקט אויף, וועקט אויף פון שלאָף,
און זאָגט זיי, זאָגט:
צו אונדזער פיין גענומען האָט אַ סוף,
אַוועק זענען די יאָרן די הימלאָזע, פאַרגרויטע,
מקנא קיינער מער עס איז אַצינד די טויטע,
קיין הונגער און קיין עלנט נישטאָ שוין מער ביי קיינעם,
יינגער היינט אפילו געוואָרן זענען זקנים.
מיט האָפנונג פול דאָס לעבן איז ווי מילגרוימען מיט זאַט
שטאַרבן היינט, אוי זיין עס וועט אַ שאָד.

אַ פרימאָרגן אין שאַנכאַי

א זומער־זונטיק אינדערפרי לעקט די ברעגן פון שאַנכאַי.
שיפן מיט ריחות פון לענדער ווייטע
גייען אָפּ און קומען צו,
ווי די כוואַליעס פון דעם שטילן, געלבלעכן וואַמפּו,
באַנען ווי נאָדלען איינגעפּאָדעמטע פליען שווישטשענדיק פאַרביי
און ווערן ערגעץ ווייט ווי שטעך אין פעלן האָריקע פאַרפאַלן.

שאַנכאַי, ווי אַ מאַטאַדאָר אַ ברומיקן בוהאַי,
גייט דעם טאָג מיט זיכערקייט אנטקעגן.
קוימענס פון פאַבריקן, שטאָלענע טורבינען טראָגן אויף די
הערנער שויך
דעם ניי־געבוירענעם, בלויאויגיקן באַגינען.

פון שטאָט די טויערן — אָפן.
פון שלעסער פאַרזיגלטע די רעפּטיליעס צעלאָפן.
דאָס הודזשען פון א ווייטן עראָפּלאַן,
דער שטילער געוויג פון אַ סאַמפּאַן,
דער געברום פון א לימוזין
ווי שטענדיק היינט באַגעגנט דעם באַגין,
נאָר אינמיטן שטאָט, אויף שאנסו סקווער
ס׳איז אַנדערש היינט ווי ביז אהער.

דער רונדער אָפענער סטאַדיאָן,
איז היינט צום ערשטן מאָל אַ פילהאַרמאָניע,

אנשטאָט הינט און פערד געיעגן
פאַר פראַקן און צעלינדערס,
דאָרט שפּילט דאָס פאָלק היינט זיין סימפאָניע.

א קול פון מאָנונג און פון שטראָף.
שטורעמס אסיענדיקע שטרענגע.
וואָלקנס גרויע,
קייטן, קראַטעס בויגן זיך אין פלאַמען און צערינען,
ווי טוי אויף בלעטער אין באַגינען.

אויף די ווערבעס פאַרחלומטע פון ווייט
קוקט מיט אויגן מיליאָניקע די צייט,
ווי קיין שאַנכאַי דורך טויערן צעעפנטע פון רוים
בעטהאָווען געקומען איז באַגעגענען זיין טרוים.

איך האָב געפּרעגט

איך האָב געפרעגט אן אלטע פרוי
אין פושון אויף א ראָג,
זאָג מיר מוטער, ליבע, זאָג,
פון וואַנען לויפן זיי אַזוי,
יונג און אַלט, נאַקעט הויל,
מיט שיסלען שטאָל, קוישן קויל,
פלאַנצן־בערג און זעק מיט זאָט
אויף אַלע גאַסן פון דער שטאָט?

האָט געענטפערט מיר די פרוי
מיט אויגן יונג און האָר שוין גרוי:
„דאָס לויפט מען אין פארסאָפּעטן געיעג
פון די נעכטנס אַוועק,
פון אַ לעבן, פון אַ נויט,
וואָס ערגער נאָך געוועזן איז פון טויט“.

איך האָב געפרעגט אַן אַלטן מאַן
לי דריי צענדליק פון דזשילאַן,
אויף אַ פעלד מיט סאָיאַ־באָב,
מיט א שטרוי־הוט אויפן קאָפּ,
זאַג מיר זיידע, זאָג דעם נאָמען מיר פון טייך,
וואָס לויפט אַהער פון באַרג צו אייך?

האָט געענטפערט מיר דער פויער,
מיט דער באָרד דער לאַנגער, גרויער
מיט דעם באַמבו שטאָק אין האַנט:
„זיין נאָמען ניי איז נאָך אין קאַנט,

אין פעלזן־ריף געווען איז ער פאַרשפּאַרט
און טויזנטער יאָר דאָ אויף אים מ׳האָט געוואַרט,
מיילן אויף הענט אים געשלעפּט מ׳האָט, מיין קינד,
„דער טייך פון שוויים״ אים מיר רופן אַצינד״.

כ׳האָב אַ מיידל געפרעגט ביים ראַנד פון האָפּיי,
וואָס האָט ביימער געפירט מיט בופלאקסן צוויי,
זאָג מיר נאָר שוועסטער, זאָג מיר וואוהין,
דו יאָגסט זיך אַזוי אין בלינדן באַגין?

האָט געענטפערט דאָס מיידל
און וויטן מיט איר:
„צום נאַקעטן באַרג מיט שניי אויפן קאַרק
די סאָסנעס יונגע איך פיר,
זיין הויט די שטיינערנע גרויע מיט קליידער גרינע באַנייען,
אַז שיינקייט פאַר אויגן זאָל אַלעמען סטאַיען.

די גרויסע וואַנט

ווי געלבלעך ווייסע וואַסער־ליליעס אויף גאָלדיק ברוינע בלעטער,
עפנט אויף די בערג זיך דער באַגין.
א ווינטל באַוואָקסן מיט זיידענע פעכער
טאַנצט דורכזיכטיק, דין
אין א ראָד.

העכער און העכער
אויף דער וואַנט, ווי אויף אַ שטיינערנעם לייטער צום הימל איך קלעטער.
אַ ליידיקע, אָפענע שטילקייט פון ענדלאָזע ספערן,
אַ קילער פאַרבאָרגענער ציטער מיט סודות פון ערדישע טיפן,
ווי פון מושלען געגריישלטע, פייכטע,
זיך טראָגן פון אורטאָלן, תהום׳ען און ריפן.

אויף באַרג־קייטן נאַקעטע, קאַלטע — א ים מיט פאַרפראָרענע וועלן,
אויף פעלז־רינגען שארפע מיט וואָלקנס, ווי שטרויענע קוישן אויף קעפּ,
ציט קרייזלדיק, רונד זיך די וואַנט,
שלענגלט זיך,
כוואַליעט,
און לויפט באַרג אַראָפּ,
באַרג אַרויף —
ערגעץ אין ווייטקייט אַוועק,

צו די גרויע, פאַרנעפּלטע שווען פון ערדישן ראַנד,
ווו ס׳זשאַרען ביינאַכט זיך די קוילן פון טעג.

אויף שפּועים שטרענגע, מיט העלדזער בלויע ווי רויכן,
ווי אויף קעמלען געהאַרכזאַמע שטומע,
זי רייט —
אַ גרויזאַמער ווייסער דראַגאָן.

די האַרטע, באַרגיקע הויטן מיט שיכטן פאַרטריקנטן ראָסט,
פון יאָרן צעקייט שוין, צעריבן,
ווי גרייזשענדיק זיי ס׳וואָלט די צייט
די פאַרזשאַווערטע ציין דאָרט געלאָזט,
נאָר די וואַנט —
צווישן הימל און ערד איז געבליבן.

שטיינער טיטאַנישע
דורך באַרגריצן, קליפּטן און שלונגען
אויף פּלייצעס פון דורות געשלעפּט.
וויפל לעבנס פאַרזונקען דאָרט ליגן?
און בלוט, און טרערן דאָרט וויפל
די זון האָט פאַרטריקנט, פאַרווישט?

אָ, דו זינלאָזע וואַנזין־וואַנט
פון ציגל און שטיין, גראַניט און צעמענט
מיט הויט און לייב און ביין געמישט,
א, דו שרעק־מאָנומענט,
אימה׳דיק, גרויזאַם דו ביסט, ווי דאָס פּנים פון קריג,

II

ווי איז שיין פון לבנה א שלאָפגייער — שטום
מיט נייגיר און ערפורכט ביינאַנד,
איך קריך אויף דער וואַנט.
די וואָלקנס מיט הענט מיינע הוילע איך נעם באַלד ארום.
באַרג אַרויף, באַרג אַרויף מיך עס ציט,
ווי דאָרטן פון טרוימען
דער טרוים ס׳וואָלט דער שענסטער געוואַרט.

דורך פעסטונגען ווייסע מיט לאַנגע צעוואָרצלטע טוכלע טונעלן,
דורך קרייזיקע שטאָל־באַלאַסטראַדן באַוואָקסן מיט מאָך,
דורך שטיין־פּאַראַפּעטן מיט ווענט צעאָדערטע שמאָלע,
האַלב שיכור די זון גייט מיר נאָך,
ווי אַ לעצטער פאַרבליבענער היטער,
און די לייכטורעמס רונדע
ווי איידלשטיין־רינגען אויף פעלזיקע פינגער
צעצינדט.
פייער־שטאַפעטן פון טורעם צו טורעם זיך יאָגן,
ווי צו תילות אַצינד
זי וואָלט סיגנאַלן געהיימע צעטראָגן.

שפּאַלטן פון באַרגיקע רוקנס — אויגן בלייענע טעמפּע —
באַגלייטן מיין גאַנג מיט פאַרדאַכט,
ווי ס׳וואָלטן געפּאַנצערטע זעלנער אוראַלטע
פון ווייט מיך געהיט און באַוואַכט.

אויף א פעלזיקן ראַנד
מיט לאַנגע, ראָסטיקע אַקסן
איך שטיי
און קוק אויף דער וואַנט
מיט לעגענדעס פון יאָרן באַוואַקסן.
ווי צום האַרץ פון א מאַנסטער א טויטן
איך לייג צו מיין אויער
און גלעט מיט די פינגער די באַרגיקע הויטן,
און ס'דאַכט זיך איך הער נאָך, איך הער
פון קנעכט די געשרייען,
אין וואַנט דאָ פאַרמויערט.

מען זאָגט אַהער געקומען א פרוי איז אמאָל
טויזנטער מיילן פון ליבע געפירט,
טאָג איין און טאָג אויס איר מאַן דאָ געזוכט פון שטיין.
פון באַרג צו באַרג, פון טאָל צו טאָל
געוואַנדערט עס האָט איר געוויין,
די געטער אַפילו אין הימל גערירט.
געעפנט עס האָט זיך די וואַנט,
און אַרויס פון דאָרט איז איר מאַן.

III

געהיים, אומבאמערקט, ווי ביים אָפּפלייץ דער ים פון דעם ברעג,
גייט דער באַגין
ביינאַנד מיט דער שטילקייט אַוועק
און א טאָג מיט ווייסקייט פון צוויטן אין סעדער
די מאסטן שפרייט אוים אויף די בערג.

פון ווייטן מיט רויכן פון קוימענס
און געלע טעמפּל-קופּאָלן — קרוינען פון בלייכן בורשטין —
וועקט זיך פון נאַכטיקן שלומער פעקין.

פון שליאכן און וועגן א קלימפּער פון רעדער,
א הודזשען פון העק און פון לאָמען,
א ווייטער געזאַנג,
ווי די לאַנדשאַפט ארום -
גיסט זיך צונויף
און קלעטערט פון פעלדער און תהומען אַרויף.

אונטן,
אַ מתנה דעם טאָל מיט אָרעמס מיט הוילע צעטראָגן,
אויבן,
יונגווארג מיט רוקזעק אויף פּלייצעס ווי בלויע דראַגאָנען די וואָלקנס צעיאָגן.

אָ, איר אלטע מזרח-בערג,
די היטלען די ווייסע פאַר זיי פון קעפּ נעמט אראָפּ,
זיי זענען געקומען אין טראַכטן אייך גרינע באַקליידן
מיט זוימען פון פרילינג און פרידן
די וואַנט פון שרעק און שנאה פארדעקן.

הוראַגאַן

הוראַגאַן,
לאָז אַריין מיך אין דיין באַן,
נעם אַרויף מיך דאָרט אַהין,
צו די סודותדיקע, ווענטלאָזע וואָקזאַלן,
ווו ס׳צאַפּלען וויזיעס פון מיין קינדהייט נאָך אין שפּיגלען
פון באַגין

מיט לעגענדעס פון פּאַרצייטן גענערט,
ווו ס׳הענגען נעכט אַרום די גאָלדענע מעדאַלן
פאַר ליבעס די שענסטע אויף דער ערד.

הוראַגאַן,
לאָז אַריין מיך אין דיין באַן,
פיר אַוועק מיך ווייט,
ווו דער מזרח־ווינט זיין וועקזייגער ציט אָן,
ווו ס׳בליען די בלומען פון צייט
מיט שוואַרצע און ווייסע פּעטאַלן,
ווו ס׳ווערן די זונען
אין וועלדער פון וואָלקנס פאַרפאַלן.

הוראַגאַן,
לאָז אַריין מיך אין דיין באַן,
פון נעכטנס מיך שנייד אָפּ,
פרוכטן פון גיהנום געוועזן זייער גאָב,
די פליגל דיינע מידלאָזע אַנטליי,
פליען איך זאָל קענען אויפדאָסניי,

כ׳האָב פיינט די מידקייט און די רו,
אַראָפּרייסן דעם שלאָף פון דרימלער כ׳וויל ווי דו.

הוראַגאַן,
לאָז אריין מיך אין דיין באַן,
הויב מיך אין די הייכן אויף,
קענען זאָל איך אומגעשטערט
ווי רעגן פרישער פאַלן צו דער ערד.

ווייסט דער בוים אין וואַלד

ווייסט דער בוים אין וואַלד
וויפל ער איז אַלט?
וויפל מאָל ס'האָט ווינטער־שווערד
זיין ציר געשליידערט צו דער ערד?
דעם סוד פון בליונג און פון זיין —
וויפל מאָל אין וואָרצל טיף ער האָט פאַרהיט
און אויפסניי ביים פרילינג־ראַנד געבליט?

ווייסן וועלדער
ווער ס'איז יינגער, ווער ס'איז עלטער,
ווען צווייגן גרינע צו דער זון זיך ציען
און וואָרצלען דורשטיקע צום טייך,
ווען צו נעסטן קומען פייגל צ'ריק צופליען
און זינגען אומעטום צוגלייך?

ווייסט דער בוים אין וואַלד
וויפל ער איז אַלט?
ציילט ער דען און מעסט
וויפל צווייגן, בלעטער, זוימען נישט צעבליטן
אין שטורעם ר'האָט פאַרלאָרן
און וויפל ריסן, קארבן, שניטן
אים געלאָזן האָבן יאָרן?

ס'איז אַלט דער בוים אין וואַלד,
ווען אים פון וואָרצלען מען שניידט אָפּ,
כאָטש גרין די קרוין נאָך אויפן קאָפּ,
ס'איז אַלט דער בוים, ס'איז אַלט,
ווען די האק זיין שטאם באַפאַלט.

מיין מאַמעס הענט

ס׳האָט מיין מאַמע שווייגנדיק באַגלייט מיך צו דער באַן,
ווי א טויטן אויפן וועג צום הייליקן אָרט.
געטראָגן כ׳האָב א קלומעקל — זי מיין טשעמאָדאַן
באַנאַנד מיט א צאַרטן נישט אַרויסגערעדטן וואָרט.

דורך געסלעך פינצטערע ס׳האָט איר שאָטן מיך געפירט,
שטומערהייט ווי קיינמאָל גאָר מיר וואָלטן זיך געקענט.
נאָר ווען די באַן עס האָט פון רעלסן זיך גערירט
מיטגעשיקט זי האָט מיר אירע ציטערדיקע הענט.

אַזויפיל בריקן שוין פון דאַן איך בין אַריבער,
אַלע מאַמעס פון מיין שטעטל זענען שוין פון לאַנג פאַרברענט,
אָדער ליגן ערגעץ ווו פאַרשאָטענע אין גריבער,
נאָר געבליבן אַלץ עס זענען מיר צוויי צאַפּלדיקע הענט.

•

עס טרעפט אַ מאָל אין הארצן טיף אַ ווייטיק נאָגט
און שטום איך ליג אין נאַכטיקן געפענט —
ווערטער, וואָס מיין מאַמע האָט מיר קיינמאָל נישט געזאָגט
מורמלען דעמלט מיר אין אויער שטיל די הענט.

ווען לאסט פון יאָך אינמיטן וועג כ׳דערשפּיר
און שטיין איך בלייב פאַרפּלאָנטערט און פאַרבלענדט,
ווי פליגל מיטאַמאָל, עס וואַקסן אויס אויף מיר
מיין מאַמעס ווייסע צאַפּלדיקע הענט.

מאַמע

כ׳באַגלייט דיך, מאַמע, צו דיין לעצטער רו.
דעם צער באַהאַלטן כ׳טראָג ווי דו
אונטער הויט פון מיין געזיכט.
איך בין אַליין דיין יאָרצייט־ליכט.

דיין לעצטער וועג, ווי לעבן, דיינס — באַשיידן.
גישט קיין פריינד, נישט קיין קוויטן
און נישט קיין טרערן
וועלן רו דיינע צעשטערן.

עס וויינען נאָר צוויי פרעמדע, אלטע לייט,
וואָס וויינען דאָ נישט ווייט.
זיי גייען נאָך דעם טויטן־וואָגן
האַלב פאַרחידושט, האַלב דערשלאָגן.

כ׳באַגלייט דיך, מאַמע, צו דיין לעצטער רו
און זע דיך שפרייזן ערגעץ ווו
מיט קוישן זאָרג, מיט שטילן טראָט
איבער חורבות פון מיין שטאָט.

די בלויקייט פון דיין בליק, —
עס האָט דער דלות אויסגעזויגן נאָך אין וויג,
דיינע ווייסע, ציטערדיקע הענט, —
האָבן יאָרן פינצטערע דיר אויסגעברענט.

האָסט, מאַמע מיינע, קיינמאָל נישט געלאַכט —
כ׳האָב אַמאָל צו דיין געבורטסטאָג רויזן דיר געבראַכט,
א שמייכל אויף דיין פּנים אַרויסשפּינען געמיינט,
און דו האָסט ווי אַ קינד זיך גאָר צעוויינט.

דיין טרער פון יענעם טאָג מיך אומעטום באַגלייט.
איך הער נאָך אַלץ די שטילע רייד:
„וואָס טויג, מיין קינד, א רויטע רויז
אין אַ פּוסטן קעלער־הויז?"

כ׳באַגלייט דיך, מאַמע, צו דיין לעצטער רו.
זע, זיי דעקן שוין דיין קבר צו
און ווייסן נישט,
אַז כ׳נעם אַהיים צוריק דיך מיט.

ס׳האָט טויט דיין צער געקראָגן בלויז.
איך נעם א יונגע, א בלאָנדע פון זיינע אָרעמס דיך אַרויס
און לויף צוריק אהיים מיט דיר פון פעלד
דיין געלעכטער אויפמאָנען דער וועלט.

די צאַרטסטע רויז...

די צאַרטסטע רויז האָט שטעכעדיקע שפּיזן.
איך בין צאַרט און שטעכעדיק ווי זי.
ווער ס׳האָט פון קוסט א רויז אַמאָל געריסן,
ווייסט דעם טעם פון רויזיקן געברי.

יעדער ים איז צאָרנדיק און מילד.
איך בין מילד און צאָרנדיק ווי ער.
ווער ס׳האָט מיט ים זיך שוין געשפּילט,
דעם ציט צו טייבעלעך נישט מער.

ס׳האָט יעדער מדבר אן אָאַזעס אויף זיין ברוסט,
נאָר נישט אַלע קאָנען אים געפינען.
פאַר וועמען איך בין מדברדיק און פוסט,
און פאַר וועמען אַן אָאַזע, אַ קוואַליקע, אַ גרינע.

די העלסטע זון איז פול מיט פלעקן.
איך בין ווי זון פלעקנדיק און העל.
ווער עס קומט מיט כמאַרעס און מיט רעגן,
נישט טרעפן די זון וועט אויף מיין שוועל.

טאַטע

טאַטע, ס׳האָט היינט פּרילינג צו דיין קבר מיך געבראַכט,
פאַרוואָס איך בין געקומען, ווייס איך נישט גענוי.
דו ביסט נישט טויט. האָסט בלויז די אויגן צוגעמאַכט
און אָפּרוען געלייגט זיך גלאַט אַזוי.

שטיי אויף טאַטע, כ׳וויל זיך ווידער מיט דיר קריגן
וועגן מענטש, וועגן וועלט ווי אַמאָל.
נאָר דו ביסט עקשנותדיק אנטשוויגן
און הערסט נישט מער מיין קול.

דיין קבר — פריש און יונג ווי אַמאָל דיין וואָרט.
ביי דיין צוקאָפּנס ס׳האָט שוין צעעפנט זיך דער בעז.
אויף דיין פּנים וואַקסט א גרינע באָרד־
נאָר דו ביסט טויט און איך פאַרגעס.

א טויב אויף דיין מצבה שטייט אַ מידע.
אפשר וויל זי בויען דאָ אַ נעסט,
ווי דו אַמאָל נאָך א פּאָגראָם, אין דער אלטער ליטע.
זי האַלט א צווייגל אין איר מויל. דו זעסט?

דו שווייגסט, און מיר דאַכט, דו זיצסט נאָך אַלץ ביים טיש
און לערנסט מיט התמדה די גמרה,
איך הער ווי האַנט דיינע די געלע בלעטער מישט,
איך זע די אויגן דיינע קינדערשע און קלאָרע.

טאַטע מײַנער, געווען דו ביסט אַ קבצן און אַ גביר,
פון יעדער וואָך פאַרמאָגט האָסטו דעם שבת,
אַ בענקל אין בית-מדרש ביי דער טיר
און קעשענעס פול מיט עולם-הבא.

דו האָסט מײַן פרומער, שווײַגנדיקער טאַטע,
גאָרנישט פון דער וועלט פאַר זיך געוואָלט,
געטראָגן האסט דאָס לעבן ווי אַ געלע לאַטע
און פאַר אַ בענקל אין גן-עדן, טאָג און נאַכט געצאָלט.

שטענדיק מיט דײַן גורל געווען דו ביסט צופרידן.
אַ שמייכל אויף די ליפּן פאַר יעדערן געהאַט.
פריילעך מאַכן דו פלעגסט אַלע אומעטיקע יידן
און מיט וואונדער-מעשות דײַנע קינדער מאַכן זאַט.

פון וועלטן אויסגעחלומטע דו האָסט צו מיר גערעדט,
דורך וועגן וואָכיקע מיט טרוימען-זעק געשפּאַנט.
יעדן פּסח אין דעם קעלער אויף דײַן העסע-בעט
געזעסן ביסט ביים סדר ווי אַ קייסער פון אַ לאַנד.

מיט פלעמל טאַנצנדיקס אין אויגן סודותדיקע, גרויסע
דעם רויטן באָרשט ווי ווײַן דו האָסט געגאָסן,
חשיבותדיק דערלאַנגט די ארבע כוסות,
און אויסגעטיילט דעם הערינג ווי אַ חלק פון לוויתן.

פרעגן כ'פלעג די קשיות, די פיר פון דער הגדה,
און שאַלות אייגענע געהאַט איך האָב פאַר דיר,
און דו פלעגסט ענטפערן גלעטנדיק מיט פינגער די קאַפּאָטע,
„די וועלט, מײַן קינד, ס'איז נאָר צו יענער וועלט א טיר"

איך הער נאָך אַלץ דיין קול, איך זע נאָך אַלץ דיך דאָרט — —
אין שטיבל הילצערנעם, מיט קאַשטאַן־בוים ביים פּלויט,
און דאָס ווינטל קעמט דיין גרינע באָרד
נאָר איך פאַרגעס אַז דו ביסט טויט.

טאַטע מיינער, דו שווייגנדיקער, יונגער גרייז,
זע ווי ס׳האָט דער פרילינג אין דיין קבר זיך פאַרוועבט,
קום אַרויס און באַווייז,
אַז שטאַרבן ס׳קאָן נאָר דער, וואָס האָט פאַר זיך אַליין געלעבט.

אין וואַלד

איך האָב אויףביימער מיין אומרו אויפגעהאַנגען,
מיין האַרץ,
ווי א שוועלבל אַ פאַרשפּאַרטס,
אַרויסגעלאָזט אין פעלד מיט זאַנגען,
עס זאָל צו זון דערלאַנגען.

די שטילקייט איז מיין וויין,
דער טאָג — מיין בעכער.
כ׳האָב מיין נעכטן, מיין פאַרגרויטן,
אָפּגעצאַמט מיט טויזנט פּלויטן.

וואָס דאַרף איך מער
פון דער אָזערע — דאָס בלויע אויג,
פון פרישן היי אין הויכן סטויג,
פון ים מיט גרינעם גראָז,
פון ווייסן וואַנדערער — דעם שליאַך,
פון הימל לויטערן — מיין דאַך?

וואָס דאַרף איך מער,
פון פרימאָרגנס ריינסטער טרער,
פון ווייסע לאַנדישן אין פרילינג,
פון א ווינטעלע אַ שטילינקס,
פון אַ בעט אין מאָך אין טיפן,
פון דעם פייף פון ווייטע שיפן?

נאָר יעדער קלאַנג וואָס גרייכט אַהער
שמידט מיין אויג און מיין געהער.
איך שלינג די רו אַרום און היט,
צי ס׳גרייכן נישט אַהער קיין טריט.
יעדן קוסט מיין אויג באַפאַלט,
און זוכט א מענטשלעכע געשטאַלט.

שלום קאַרנאַוואַל

עס בליט די אַלטע שטאָט אינמיטן האַרבסט.
אויף ביימער און באַלקאָנען
וואַקסן שלום פאָנען.
טיר און פענצטער אָפן אין די ארבעטער־קוואַרטאַלן.
פון פרידן רעדט אַ הויז הײַנט מיט אַ הויז.
ווער ס'קאָן נאָר גיין, איז מיט טויב מיט ווײַסער אויף זײַן ברוסט
פון שטוב אַרויס
דעם שלום התמענען אויף גאַסן מיט די טריט.
און ווער אין שטוב ס'האָט בלײַבן הײַנט געמוזט,
שרײַבט מיט בליק זיך אונטער דורך די שויבן.

עס טראָגט א הויכער טאָג אַ שיסל פּייער אויפן קאָפּ
און בייגט זיך לאַנגזאַם צו דער ערד אַראָפּ.
טרומייטערס שאַלן.
עס שטראַמט אַ מענטשן־טײַך — אַ זינגענדיקע, פרידלעכע אַרמיי —
און ס'פלאַטערן סטייעס ווײַסע טויבן איבער זיי.
פון אַלעקסאַנדריאַ, פון טורין, פון מאַראָקאָ און בערלין קומען זיי אַהער
און טראָגן קוויטן אָנשטאָט געווער.
מיט פאַקלען אין די הענט זיי האָבן איבער דערפער, איבער שטעט געשפּאַנט
און פרײַנדשאַפט און ברידערלעכקייט פאַרזייט אין יעדן לאַנד.
ווי שניטער פון די פעלדער, זיי קערן אום זיך הײַנט צוריק
מיט חתימות־גאַרבן קעגן קריג.

שטייט אויף, בערג פאַרגליווערטע, פאַרשלאָפענע ביי ברעגן,
און מיט וויינגערטנער מיט אייערע אויף אַקסלען די זין און טעכטער
גייט אַנטקעגן!
קום, ים מיטללענדישער, אַלטער, גרויער עדות
פון רויבער און פיראַטן, וואָס האָבן מיינע אורזיידעס געפירט
פאַרקויפן אויף די מערק און דיינע וועלן געפאַרבט מיט זייער
בלוט,

דערנענטער זיך צום ברעג
און וואַש דעם שטויב אַראָפּ פון שפּרייזנדיקע פיס.

און איר פאַראורטיילטע, וואָס לויערן איבער וועגעס פון דער
מענטשהייט,
ווי שיכורים איבער פאַרמאַכטע פעסער ווײַן,
און ווילט ס'זאָל דער לעצטער מאַלצייט אייערער דער גרעסטער
אין געשיכטע זיין,

קוקט אַרויס דורך פאַרקלאַפּטע פענצטער פון פּאַלאַצן און זעט:
מאַמעס פון טולוז, פאַניאַנג און האַנאָי קושן זיך ווי שוועסטער,
זין פון טאַשקענט, פון וואַרשע און קאַנטאָן דריקן זיך די הענט
ווי ברידער,

זעט:
עס רעדט א פויער פון וואַלערעז
מיט אַרבעטער פון וויעטנאַם,
זייער שפּראַך — די מאַרסעליעז.
הערט די לידער פון מאַטראָסן אין די פּאָרטן,
הערט דעם עכאָ אין קאַבאַנג און אין באָמביי:

„מיר וועלן קיין ארבעטער נישט מאָרדן!
ווייל ארבעטער מיר זענען פּונקט ווי זיי!
אין רו מיר ווילן לעבן אויף דער ערד,
טראַקטאָרס אויסשמידן פון אייזן און פון שרויט,
און קיינמאָל מער נישט ווערן זאָל צעשטערט
אַלץ וואָס הענט האָבן פון אַרבעטער געבויט“.

זעט:
מיט רויטע פאָנען פון רוים עס גייט אַ יוגנט־באַטאַליאָן,
ערד פון פּאַרטיזאַנען־קברים טראָגן זיי אין הענט.
גאריבאלדי אויבנאָן!
איבער די אלפּן־בערג געקלעטערט האָבן זיי דורך נאַכט,
ווייל ס׳האָבן די זשאַנדאַרמען
די גרענעצן באַוואַכט.
מיט טענץ און מיט געזאַנג, אין ווייסן אָנגעטאָן
גייען פראַנקרייכס טעכטער.
טעלמאַן גייט.
שטרייקערס געפאַלענע אין שלאַכטן פון מילאַן
גייען אויף די אַקסלען פון אַ יונגן פּאַרטיזאַן.
אַ יונגע מחנה גייט מיט ביימער גרינע אָנשטאָט פאָנען.

זעט, וואמפירן,
דורך שליסל־לעכער פון צוגעמאַכטע טירן,
עס גייט אַ וואַלד צו אייך מיט ריזן,
ווי צו די מערדער צוויי — מאַקבעט!
ווייסע טויבן האָבן רויטן בלוט אין ווענעס,
און צאַרטע רויזן האָבן שפּיזן.

געבליבן

ווען די פּיאַנאָ ווערט אַנטשוויגן,
בלייבט נאָך סיי־ווי־סיי דער ניגון
אויף די ווענט די שטומע ליגן,
ווי אין לייב מיינס דיינע בליקן.

ווען עס פאָרט פאַרביי אַ באַן,
איז נאָך לאַנג אויף גראָז פון לאַן
דער בלויער רויך זיינער פאַראַן,
ווי דיין אומרו אין מיין שפּאַן.

ווען די העלע זון פאַרגייט,
בלייבט נאָך סיי־ווי־סיי אויף בייט
דער לעצטער שטראַל אין יעדער קווייט,
ווי אין האַרץ מיינס דיינע רייד.

ווען עס גייט אַוועק אַ יאָר
בלייבט דאָס אַש פון טרוימען נאָר,
ווי פון דיר — נעכטנס זוניקע אַ פּאַר
און שניי אַ זשמעניע אין די האָר.

קאַפּרי

איך האָב נאָך אַלס קינד מיט נייגער געהערט
די װוּנדער פון זוניקן אינדזל קאַפּרי.
היינט גלעט איך אַליין זיין שטיינערנע ערד
אין אַ קאַלטן, פאַרנעפּלטן מערץ אינדערפרי.

די זון האָבן בלייענע װאָלקנס פאַרשלונגען,
דעם ים האָבן מאַרמאָרנע שלעסער פאַרשטעלט,
און פּאַלמעס פון נעכטיקע דיכטער באַזונגען
זענען װי זקנים שוין אַלט און פאַרגעלט.

װי א שיף שטייט קאַפּרי פאַראנקערט אין ים.
װי זעגלען די װײַסע פּאַלאַצן צעשפּרייט.
לאָדנס פאַרמאַכט. מען װייסט מן הסתם,
אַז שטורעמס צו זייערע שװעלן זיך גרייט.

װי רונדע לאַמטערנעס מאַראַנצן זיך װיגן
און װאַרטן אויף טעג מיט זוניקע שטראַלן.
אויף פלויטן פאַרמאָרעטע קינדערלעך ליגן
און װאַרטן א פרוכט פון ביימער זאָל פאַלן.

אויף געקרייזלטע שליאַכן װי געשטופּלטע טרעפּ
װאַלגערן זיך בעטלער װי צעגעסענע זעק,
און מאַמעס דאָרט שלעפּן אין קערב אויף די קעפּ
דעם צער צו די שיפן ביים ים׳יקן ברעג.

דער ים איז אַ שפּייזער. דאָס זאַמד איז אַ טיש
און פישער — די יאַטן מיט וועטקעס פון דראָט.
עס פלאַקערט אַ פייער. עס בראָטן זיך פיש
און ס'בליצן די אויגן אַרום אין אַ ראָד.

זיי וווינען אין היילן און וואַקסן ווי גראָז.
זיי טראָגן דעם עלטער אין יוגנט אין פריען
און גייען אין קלויסטער אָן וויסן צו וואָס
מען דאַרף אויף פּאַרדומפּענע דילן דאָרט קניען.

איך בין דאָ וואַנדער געקומען געפינען
און געטראָפן כ'האָב נוויט מיט תפילות גענערט,
זיידעס וואָס לויפן דיר נאָך צו באַדינען,
און בלייכע פורמאַנעס מיט מאָגערע פערד.

ווער ס'האָט געזונגען פון ווייסע טעראַסן,
פון פולע לבנות און ווייַנען אין בעכער,
איך וועל זינגען פון טריט אויף די גאַסן
און פוסטן געביילטע אין אָרבל מיט לעכער.

איך האָב אַ שוואַלב געזען אין פלי

איך האָב אַ שוואַלב געזען אין פלי,
געמיינט אַז זי וועט שטענדיק פליען.
איך האָב אַ רויז געזען אין בלי,
געטראַכט אַז זי וועט אייביק בליען.

איך האָב אין פעלד געזען אַ בוים,
געדענקט ער וועט שטענדיק אַזוי שטיין.
איך האָב געשפּינט אַמאָל אַ טרוים,
געמיינט ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגיין.

איך בין די שוואַלב מיט וונד אין ברוסט,
דער בוים פון שטורעם אויסגעבויגן,
די בלום — אראָפּגעריסענע פון קוסט,
דער טרוים מיט אויסגעהאַקטע אויגן.

טיף אין האַרץ עס קלאָגט אַ ווינט
מיט מיילער וואיענדיקע זיבן,
נאָר גלויביק כ'בין נאָך ווי אַ קינד,
און גרייט נאָך אַלץ, צו טרויען און צו ליבן.

האַרבסט

איך גיי אַנטקעגן דעם בראָנזענעם רעגן אין האַרבסטיקן וואַלד.
פוןביימער — צעצונדענע רויטע פאָנטאַנען
די בלעטער ווי ליכט־טראָפּנס זיגזאַגדיק טריפן.
אַ פאַרבן־פעסטיוואַל אין לעצטקייט טאַנץ.
אַלע צירונג־פּושקעס דעם זומערס אויפגעעפנט און צעשאָטן,
די בוימלעך און פאַרפומען פון אַלע פלעשער אויסגעגאָסן,
די פּינזלען און פּאַלעטן אויף די צווייגן אויפגעהאָנגען,
אַלע סודות פון יצירה אויפגעעפנט, נאַקעט אויסגעשטאָן די זאַטן
און צו דער ערד
צוריק זיי אומגעקערט.

איך גיי אַנטקעגן דעם בראָנזענעם רעגן אין האַרבסטיקן וואַלד,
אין בלעטער פאַרקאַרבטע, פאַרדרייטע, ווי מושלען ביים
ימיקן ברעג,
מיט פאָרמעס און פאַרבן פאַרקילטע
פון יעדן וויבריר און באַוועג,
אין ווינטן־געוויי,
אין פּורפּור־געפלייץ,
מיט זון אינדערמיט
איך דריי זיך און דריי ווי אַ שפּינדל מיט וואָל,
איין קרוין ס׳האַלט דער ווינט,
אַ צווייטן די ערד.
עס וויגט ווי אַ שיכור מיט מיר זיך דער וואַלד,
מיין שאָטן זיך ערגעץ אין רויטע צעכוואַליעטע שטראָמען
באַהאַלט
און איך זוך און זוך אין בראָנזענעם רעגן פון אים נאָר אַ סליאַד,
ביז אין האַרבסטיקן טאַנץ, אין בלעטער־געפלייץ אַליין כ׳ווער
אַ בלאַט.

מיט דיר איז דער הימל גאָרנישט ווייט

אַלע מיינע נעכטנס זענען שטיגן,
וואָס האָבן נאָר צו דיר, צו דיר געפירט.
ס'האָט מיין האַרץ ווי אַ האַרף אַ פאַרלאָזטע געשוויגן,
ביז דו האָסט די סטרונעס, פאַרבענקטע באַרירט.

אַזויפיל טעג זענען געקומען און פארשווונדן,
כ'ווייס נישט זייער אָנהייב, זייער סוף,
ביז דו ביסט געקומען, די לאָמפּן צעצונדן
און אַלע נעכטנס אויפגעוועקט פון שלאָף.

פּלאַצט אויף מיר דער אַלטער, זשאַווערדיקער אומעט,
ווי אויף א בוים, אַ זאפטיקן די קאָרע.
איך בין רייף מיט אַלע רייפקייטן פון זומער,
איך בין אַ קוואַל מיט וואַסערן באַרגיקע, קלאָרע.

איך שווים אויף כוואַליעס פון דער צייט,
בינד די ווינטן אין מיין זעגל און איך זינג,
מיט דיר עס איז דער הימל גאָרנישט ווייט.
מיט דיר איז דאָס שטייגן אַזוי גרינג.

איך בין פון חלום די אלמנה

ס׳וועט נאַכט א קלייד מיר זיין א שוואַרצע.
ווי אמאַרילים בלייבע, די לבנה
אויף קבר ליינן כ׳וועל אין האַרצן —
איך בין פון חלום די אלמנה.

די מיילער אָפענע פון יאָרן
מיט אים געגאַנגען כ׳בין אנטקעגן.
די וואָרצלען פון וואָלקנס געשאָרן,
זיי זאָלן די זון נישט פאַרדעקן.

שניידט זשע ווייטיקן, שניידט מיך אַלע
כ׳וועל נישט וויינען און נישט קלאָגן.
געווען פון חלום כ׳בין די כלה,
ווי ליבע, שטיל דעם ווייטיק איך וועל טראָגן.

איך דאַרף קיין טרייסט נישט, קיין באַדויער,
ליב פון אַלץ איך האָב די פולע מאָס,
די זעלבע זיין זאָל איצט מיין טרויער.
מיט פיין ביז פול גיסט אָן דעם כוס!

ווען עס שמידט דער גורל דיך צום בראָך
און מיט קברים פול ס׳איז האַרץ ביז דנאָ,
ווען ס׳יאָגט אין שלאָף דער טאָג ווי וואָלף דיך נאָך,
ס׳איז ווייט נאָך ווייט פון טרייסט די שעה.

כ׳וועל אָנטאָן מיין צער אויף די אַקסלען,
אויף די הענט איך וועל נעמען מיין שאָטן
און גיין נע־ונד דורך וויוגעס און שלאַקסן,
אַהין וווּ די קינדער פון זונען זיך באָדן.

פֿאָלק, מײַן פֿאָלק

פֿאָלק, מײַן פֿאָלק, א וואַלד דו ביסט א גרינער, אַ געדיכטער
מיט סאָסנעס, דעמבעס, יאָדלעס און חיות און א שיעור.
און ס'איז די צײַט נאָך אַלץ אַליין דער ריכטער
פֿון אַלע וועלף וואָס טראַמפּלען איבער דיר.

כ'בעט דער לעמפּערט זיך ביי דיר אויס א געלעגער,
און דער שאַקאַל אין דײַנע קרויזן זיך באַהאַלט.
מיט האַק אין האַנט צו דיר עס קומט נאָך אַלץ דער העקער
און מיט שאַרף דעם שטאָלענעם דײַן לײַב באַפֿאַלט.

אין קוסטן די געדיכטע פֿאַרטאַיעט ליגט דער טיגער
און בײַט צו יעדער צײַט די פֿאַרבן פֿון זײַן פֿעל,
צערײַסט א שאָף אינמיטן טאָג אויף שטיקער,
און קומט מיט בלוט זיך וואַשן צו דײַן וועל.

פֿאָלק, מײַן פֿאָלק, מײַן אייביק יונגער גרייז,
זע נאָר, זע מיט דײַנע ריינע, גלויבנדיקע אויגן,
אין שפּײַכלער דײַנע, עס פֿלאַדיען זיך אַזויפֿיל מייז,
און שלענג נאָך אַלץ פֿאַרבאָרגענע דיך זויגן.

אויף צוויִיען די וועלט איז צעשניטן

אויף צווייען די וועלט איז צעשניטן
ווי מעת־לעתן אויף טאָג און אויף נאַכט.
אויף איין זייט זיי שמידן דעם פרידן,
אויף צווייטער זיי רופן אין שלאַכט.

צוויי שטראָמען מיט אימפּעט זיך יאָגן.
ס'גייט וואל אין פאַרמעסט מיט אַ וואל.
ס'וויל לעבן דעם טויט איבעריאָגן.
פאַרשלינגען דער זומפּ וויל דעם קוואַל.

עס בליצן מיט פייער פאַבריקן
די רעדער וואָס גיכער צו טרייבן.
אויף איין זייט דעם טויט צו באַזיגן,
אויף צווייטער, דער טויט זאָל פאַרבלייבן.

עס שטייען אויף ביידע זייט ברידער
מיט וואָלקנס פון פחד צעשיידט.
אין הערצער דער זעלביקער ציטער
צו וויגן פון קינדער באַגלייט.

אומעטום ס'איז הימל א בלויער
און די ערד א שפּייכלער מיט זעט.
ווער זוכט עס צו מאָרדן די בויער?
ווער גרייט עס די שרפות פאַר שטעט?

דאָס לעבן עס גייט אונדז אַנטקעגן
און זונען אין פויסטן עס טראָגט,
ווייל מענטש ס'איז דער גרעסטער פאַרמעגן
פון אַלץ וואָס די וועלט נאָר פאַרמאָגט.

נישטאָ מער פאַר קיינעם קיין מיטן,
ווען פון דזשונגל דער וואָלף גייט אַרויס.
ווער ס'העלפט נישט פאַרהיטן דעם פרידן,
העלפט ברענען זיין אייגענע הויז.



ס'האָט דער ווינט היינט געריעדט צו מיר יידיש

ס'האָט דער ווינט היינט גערעדט צו מיר יידיש
צווישן ביימער צעוויגטע אין נעפּל באַהאַנגענעם טאָל.
איך האָב געהערט און שטיין דאָרט געבליבן פאַרחידושט,
פון פאַרשוווּנדענע נעכטנס דערקענט כ'האָב דאָס קול.

אין צעברומטן געווירבל פון צעפּאָכעטע צווייגן, ווי פליגל
פון מילן,
דערהערט כ'האָב קינדער־געליאַרעם אין הויפן, מאַמעס געזאַנגען
ביי וויגן,

אַ כליפּען פון כלות, פון קלעזמער דאָס שפּילן.
דאָס בענטשן פון זקנים, פון אַרבעטער יוגנט — אַ ניגון.

אין בלעטער־געפּליעסק דערהערט כ'האָב פאַרליבטע זיך סודען,
לידער וואָס האָבן די קערנער פון מאָרגן געזייט,
בשורות, וואָס פלעגן פאַרשלאָפענע טעג פון שטעטל צעהוידען,
טריט, וואָס האָבן באַרוועסע געסלעך מיט יום־טוב באַקליידט.

ביינאַנד מיט צעשפּאָלטענע וואָלקנס, ווי פאַרהילטע געשפּענסטער,
עס האָט זיך פון ערגעץ אַהערצו דערטראָגן
אַ „גוט־מאָרגן" פון שכנים דורך אָפענע פענצטער,
אַ געפּליסטער פון תפילות אין אָסיען־פאַרטאָגן.

אַ דונער האָט פלוצים די ווייטן צעשניטן, צווייגן געבויגן צו
דר'ערד

פון אַ ווילדן געפּלאַטער, ווי פייגל פאַרלאָזט וואלטן נעסטן
אין פּאַניק,
פון רויכיקע וואָלקנס עס האָט זיך אַ טיפער געיאָמער דערהערט:
„מיר זענען דאָס אַש פון מאַידאַנעק!“

אין פינצטערן טאָל מיט ביימער פון שטורעם פאַרלענדטע
ביינאַנד מיטן רוים צעברומט האָט דער ווינט זיך אַליין:
„מיר זענען דאָס אַש פון יידן אין אויוונס פאַרברענטע,
פון קינדער וואָס האָבן ערשט קוים געלערנט זיך גיין“.

„מיר רייטן אויף וויוגעס, אויף ווינטן, אויף רויכן פאַרגרויטע,
מען קען שוין קיין טיר פאַר אונדז מער נישט פאַרשליסן,
מיר זענען די זעקס מיליאָן טויטע —
מיר קומען, מיר וועקן, וועלט, דיין געוויסן!“

שמואליק

צווישן פעלדער, צווישן לאַנען
איז אַ קינדער־היים פאַראַנען.
און פון קינדער־היים אַ שפּאַן
פאָרט פאַרביי פאַרטאָג אַ באַן.

קוקן קינדערלעך דורך לאָדנס
אויף די שוועבנדיקע שאָטנס.
צי עס גייט א פּאַסאַזשיר
דאָ אַהער צו זייער טיר.

און זיי קוקן און זיי בעטן
עס זאָל אַ מאַמע קומען גלעטן,
און א טאַטע צו דעם הויז
קומען, האַלטן זאָל אין שויס.

און זיי טרוימען און זיי האָפן
ביז זיי גייען ווידער שלאָפן,
נאָר איין שמואליקל בלייבט וואַך,
נאָר איין שמואליק הינט דעם שליאַך.

וועמען זוכט ער, וועמען זעט ער
אין די צווייגן, אין די בלעטער?
וועמען רופט ער, וועמען גריסט ער
און די טרערן וואָס פאַרגיסט ער?

ס'איז אויף שליאך איעדער שאָטן
אין זיין מאַמעשי גראָטן.
ווער עס גייט נאָר פון וואָקזאַל,
טראָגט זיין מאַמעס שווארצע שאַל.

שמואליק, שמואליקל דער קליינער
איז פון אַכט געבליבן איינער.
פון די שוועסטער, פון די ברידער
זינגען ווינטן טרויער־לידער.

ס'וועט זיין טאַטנס שטילער ניגון
מער נישט ווארטן אויף די שטיגן.
ס'וועט זיין מאַמע שוין נישט מער
קומען גלעטן אים אַהער.

ער גוואָלט פאַרגעסן דעם באַגין
אויף די וועגן קיין לובלין,
ווען אים זי האָט אין טשעמאָדאַן
אַרויסגעוואָרפן פון דער באַן.

ער וואָלט פאַרגעבן און פאַרגעסן
אַלע פינצטערע מעת־לעתן,
ווען זי קומט איצט צו זיין בעט
און גיט אים כאָטש איין גלעט.

נאָר זי קומט נישט פון מאַידאַנעק.
ס'קומט די זון בלויז צו זיין גאַנעק,
ווייל זי ווייסט, זי ווייסט מסתמא,
ס'וועט נישט קומען מער זיין מאַמע.

צווישן פעלדער, צווישן לאַנען
איז אַ קינדער־היים פאַראַנען
און אַ קינד פון זיבן יאָר
מיט אַ קעפּל גרויע האָר.

ס׳טרעפט אַמאָל

ס׳טרעפט אַמאָל אין אומעטיקע רגעם
איך שפּרייז אויף גאַסן אַ פאַרשעמטע.
כ׳וואַגל אוים די ווייטסטע שטרעקעס
און אַלע, אַלע זענען פרעמדע.

ס׳האָט קיינער מיך אַהערצו נישט פאַרבעטן.
ס׳האָט קיינער נישט געשיקט מיר קיין בילעט.
עס קוקן אויגן מיט קאַלטקייט פון פאָרטרעטן —
ווער דאַרף פון זיי אַ יידישן פּאָעט?

אַנטלויף איך פון דער שטאָט מיט מיין געמיט —
ווי פון שפּיגלען געהיימע מיט מחנות אין געלאַף
אין האַלדז ציטערט שוין אַ שורה פון אַ ליד
און בעט ביי מיר זיך ווידער שוין: „באַשאַף!“

אַ שפּאַרבער גראָבט אין האַרצן טיף
און הייסט דאָס ליד אין האַלדז דערשטיקן!
אַ ליד ווי אַ סיגנאַל פון אַ זינקענדיקער שיף
וויל אַ ברעג אַ ליכטיקן דערבליקן.

ס׳פאַרגייט די שטאָט אין אומעטיקן גאַנג.
אַ בוים שפּרייט אוים פאַר מיר זיין שאָטן.
אַ פויגל פליט אַנטקעגן מיט געזאַנג —
אין זיי פאַרוואָס בין איך נישט געראָטן?

פרעגט דער סאָלאָווײ אַמאָל
פֿאַרוואָס ער זינגט, פֿאַרוואָס ער פֿליט?
פרעגט אַ טײַך אין טיפֿן טאָל —
ווער עס דאַרף זײַן אײביק ליד?

טראַכט אַמאָל אַ בוים דערפֿון
פֿאַרוואָס ער וואַקסט, פֿאַרוואָס ער גרינט
טראַכט אַמאָל די העלע זון
פֿאַרוואָס די שנורן גאָלדענע זי שפּינט.

ס'איז מיר אַ דיכטער זײַן באַשערט,
די וועלט דערמוטיקן און וועקן.
איך האָב דעם צער פֿון מענטש דערהערט,
פֿאַרוואָס זאָל איך אַזעלכעס פֿרעגן?

עס טראָגט מײַן ליב דעם טיפֿן שניט
פֿון אַלע פֿינצטערע פֿאַררעטער.
איך זינג צום מענטש מײַן ייִדיש ליד —
צום גאָט פֿון אַלע געטער.

פֿאַרשעמט כ'הויב אויף צוריק די האַרף
און ס'צאַפּלען סטרונעס שוין אויפֿסניי.
ווי לאַנג אײן מענטש מײַן ליד נאָך דאַרף
זינגען ס'איז פֿאַר אים כדאַי!

מיין גלויבן

נישט גאָט האָט מיך צו אייך געשיקט.
מיט הייליק גייסט געווען כ׳בין קיינמאָל נישט באַהויכט.
נאָר מיט תאווה, שנאה, גייציק און געמיין,
צו אייך איך בין געקומען.
פון אבות אוראלטע, פון ערשטן מערדער קין,
עס וואָרצלט זיך מיין שטאַם.
פון יאָרן־בערג באַוואָקסענע מיט זינד
אַליין איך בין אַ קינד.

אין כראָמאזאנען פון מיין צעל, אין נעסטן פון מיין טראַכט,
אַטענאַ, יהוה און מינערוואַ
פון חכמה,גערעכטיקייט און זין
עס שלאָפן נאָך די געטער,
אמאָן דער גאָט פון שלעכטס אין מיר נאָך וואַכט.
ווי טייכן פון באַרג־שפיצן צום ים דעם זאַלץ
געבראַכט האָבן און אויסגעמישט אין אים,
אַזוי פון צען מאָל טויזנט טעמפּע יאָר־קנוילן
עס זידט דאָס בלוט אין מיר
און ס׳ברומט נאָך אַלץ
מיט אורמענטש קלאַנג, מיין שטים.

ס׳האָט אַזאַס דער גאָט פון שטורעם און פון קריג
מיט שווערד און פויק
זיין רויבער־ליד אין מיר אַריינגעוויגט,

מיט מדבר־ווינט זיין דורשטיקן,
מיין געזאַנג, דאָס ערשט געבוירענע דערשטיקט.
אין די פאַלדן פון מיין רעטינאַ, אין די ריוון פון מיין אויג
עס וואַנדערט נאָך פון קוילער און געקוילעטן די שרעק.
ביינאַכט
צום הייל־מענטש אין מיין נאַרע מיט שלעסער זיבן צוגעמאַכט
אין זיך אַליין ווי אין א פאַרחתמטן וואַגאָן איך פאָר אַוועק,
און דעם רויב פון טאָג,
ווי ער די פיילן און די העק, גייציק איך צעליינ.

איך בין א טיגער נאָך,
א קאַבראַ,
א בוסאַר.
מיט ציין און נעגל שאַרף און שפּיזיקע,
מיט גראָזן ניפּטיקע פון יעדן דופט, און יעדן סאָרט,
פון העמלאַק קרייטעכער ביז אויסגעשליפן וואָרט,
מכשירים אַלט און נייע איך פאַרמאָג,
צו טאָן א שנייד,
א ביס,
א שטאָך.
אין וואַלן ויידענע מיין קויטיקייט כ׳באַהאַלט,
דעם קאָפּ פאַרריסן כ׳האַלט און די גאווה ווי א קרוין איך טראָג
אויף זיך,
באַמערקן קיינער זאָל —
אויפן בויך נאָך אַלץ איך קריך.
צעבליט א שמייכל זיך אַמאָל אויף מויל מיינס ווי א רויז —
אַ גאַסט א נישט דערוואַרטער, פאַרלאָרן אין דער פרעמד —
לעשט עס אויף די ליפּן באַלד זיך אויס,
ווי ס׳וואָלט זיך פאַר דער וועלט,
דער נאַקעטער פאַרשעמט.

כ׳בין יונג, נאָר די האָר ביי מיר שוין גרוי.
עס האָט דאָס אש מיך פון א דור
אָפּגעפארבט אזוי.
הויקערדיק מיין טראָט און שווער.
ווי אין קייטן א געפאַנגענער בער,
איך קריך
און ס׳גייען נאָך מיר בערג מיט שיך,
וואָס האָבן שוין קיין פיס נישט מער.

נישט קיין גאָט ס׳האָט מיך צו אייך געשיקט,
פון אַ וועלט מיט בראָך און האַס און מיסט,
צעכראַמשטשעט, צערויעט און פאַרוויסט,
פון יאָרן מיט האָרבן שטיינערנע פאַרהאַנגען,
זאַטלאָזע,
ליידיקע,
ווי אויסגעפּיקטע זאנגען
געקומען כ׳בין צו אייך.
נאָר אין מיין היכל געשענדעטן מיט אויסגעהאַקטע שויבן
עס וואָרצלט טיף און יוירט נאָך אלץ מיין גלויבן.
געפורעמט און געשליפט כ׳האָב אים אין גריבער פול מיט פיין,
אז דו מאָרגן — מענטש
אין מיר געראָטן זאָלסט נישט זיין!

זאָגט מיר ווער בין איך?

ביינאַכטן דערשאָסענע לאַנגע מיט העלדזער קלעפּיקע שוואַרצע.
געסלעך הינקעדיקע, שווערע.
טייכן בראַנד אויף דאַרע, לויפנדיקע פּיס.
וואָגנס מיט פענסטער רויך אויף ברוקן איבערגעקערטע.
נעצן צאַפּלדיקע נאַסע, מיט וואַנזין־אויגן געפאַנגענע.
ברונעמס טוכלע, טיפע מיט קולות פון זקנים אין עמערס צעוויגטע.
דעכער געשמיסענע מיט צעוואָיעטע קעץ אין געיעג.
ווענט האַרבאַטע, איינגעפאַלענע מיט נעט צעשאַרענע
און טאַרטולאַס מעטאַלענע מיט פייער־פליגל איבער זיי.
אָפענע מאַמעשע בוזעמס מיט רעגנס פון קינדער־געוויינען.
פעלדער געשאָכטענע, מיט אָפענע בייכער פון פערד.
ווינטן געהאָנגענע מיט מילך צעלאָזט אין גדריי.

באַגינענס פאַרפלעקטע מיט פידלען אויף פלייצעס
און בינשטאָקס אין שאַרבנס מיט רויטן געזאַלצענעם האָניק.
דערוואָרגענע זונען אויף פלויטן.
בוידעמס לייטערלאָזע מיט שאָרכן געהיימע.
פענצטער מיט שפּינוועב־גאַרדינען.
ריחות פון עפּל פאַרפוילטע אין פעלן גרינלעכע, פייכטע.
קראָען טויטע אין הילצערנע באַלקנס.
קעלערס פון שאָטנס צעשפּאַרטע.
קישנס מיט קולות פאַרשטאָפּטע.
סודות אין פויסטן, צעשאָרענע ווייטע,
ראַצן געגראַבל. תפילות צעברעקלטע שטילע.
מיסטעך־געשפּרעכן פון שטיינערנע שטיוול.

יאָרן מאָגערע, בלייכע
מיט אויגן רויטע און לאַנגע ביינערדיקע הענט.
וועגן גליטשיקע פרעמדע.
וועלדער ביינאַכטיקע מיט פּחד פאַרפלייצטע.
באָרוועסע פיסלעך פאַרפרוירענע אין אָפענע וואַרעמע בייכער.
ברויט־אָטשערעדן לאַנגע אין בלעכענע פאַרטאָגן
מיט קללות אין קאָלנערס.
קינדער דורך גראָבע, האָריקע הענט
פון ריי אַרויסגעשטויסענע, מיט פּנימלעך זקנישע און פויסטלעך
פאַפירענע
אַנטקעגן קאַלטע, טירלאָזע ווענט.

נעכטנס מיט גרויע, שפּיזיקע נעגל —
וואָס גראבלט איר תמיד?
וואָס שטעכט איר און שניידט מיין זכרון?
וואָס הוידעט איר זיך אויף די שטריק פון מיין היינט?
וואָס פרעסט איר מיין שטאָם?
וואָס וואָרצלט איר זיך אין מיין זיין און פארמישט
אין מיין בלוט אייער סם?
ווי אין בוים די קלעטערפלאַנץ, איר האָט ארום מיר זיך פאַרדרייט
און וואַקסט מיט מיר שוין ביינאַנד.

אָ קינדהייט מיינע, אין שוואַרצע צעלעכערטע פאַטשיילעס
מיט אויסגעפליקטע, פאַרבלוטיקטע בערד,
מיט הימלען פון שאַרבנס
און ציין, ווי זוימען פון בראָך, פאַרזייט אויף דער ערד.

כ׳אטקעס דאָרפישע פון ליים,
שאפקעס דעמבענע, קליינע, מיט אייזערנע שלעסער פארהאקטע,
ווו ס׳האָבן נאָך האלבע נאַכט זיך קינדערשע הענטלעך געטראָפן,
מיט פינגער די וועגן צום סקאַריקל ברויט דאָרט פאַרהאַקטן
געזוכט.

אָ, קינדהייט מיינע, מיט צעשפּאָלטענע טרוקענע ליפּן,
וואָס קריכסטו מיר נאָך ווי א הונט?
בין ׳איך פון אלמערלעך פארשלאָסענע דאָס פאַרטריקנטע, ברויט,
וואָס האָט אויפן מעסער געוואַרט?

אָ יוגנט מיינע, איבערגעפאַרענע,
מיט ריחות פון טויט.
אָ נעכט מיינע מיט צעוואָרפענע ביינער אין ווינט,
מיט באָרוועסע פיס אין וואָלקנס פאַרוויקלט,
ווי לופט־באַלאָנען אָנגעבלאָזענע אין הייכן איר פלאַטערט,
הויבט זיך, פאַלט, פאָכעט, סאַפּעט
אין גאַסן
מעטראָס,
באַנען,
שיפן
און דאָס שטריקל אין האַנט מיינס איך האַלט
און קען נישט די קנופּן צעבינדן.

אָ, איר, קרעמאַטאָריע רויכן, מיט ווינטן פאַרפלאָכטן —
פאָנען צעפלאַטערטע שווארצע אויף אלע שטעט פון דער וועלט,
ס׳איז א קוימען געוואָרן מיין האַלדז אייך
די פייערס בייַנאַכט אָנצוצינדן.

אָ קליידער לייבלאָזע, אויף שפּיצן בערג צעהאָנגענע,
אין גריבער מיט גראָזן פאַרוואָקסענע,
אויף מיר איר ציט ארויף זיך אין פאַרטאָגן.
אָ דראָטן עלעקטרישע, אויף פלויטן אינמיטן נאַכט צעצונדענע,
מיט געיאָמער וויסטן פאַרלאָשענע,
איר האָט אין בליק מיינעם אייער טויטן־שטראָם געלאָזט
ווי אַ סיגנאַל עס זאָל ברענען אין מיין אויג.
אַן ארון כ׳בין אַ גייענדיקער,
מיט מיליאָניקן, גופלאָזן געביין,
איך זאָל פון לאַנד צו לאַנד טויטע צו דער קבורה טראָגן.
איך בין דאָס זאמד, דער שטיין, דער וועג, דאָס גראָז
פון מיליאָנען טריט געפאַנגענע,
וואָס קערן נאַכט נאָך נאַכט אויף מיר זיך אום צוריק.
אין בוך פון צייט כ׳בין אַ בלאַט,
ווו אַ האַנט אַ געהיימע ס׳האָט אַלע פאַרברעכנס פאַרשריבן,
אַז דעם חשבון פאַר דורות כ׳זאָל האַלטן אויף זיך.

איך בין די פעל, די האַרטע פון דור מיין געקרייצטן
מיט לאַנגע פאַרבלוטיקטע האָר.
א שטייג איך בין אַ פאַרהאַקטע,
ווו ס׳האָבן יונג־פאַרשניטענע זייער האָס נישט געשטילטן,
זייער בענקשאַפט נישט אויסגעבענקטע,
זייער ליבע נישט אויסגעשפּילטע אין מיר געלאָזט,
עס זאָל מיט וויינען אין מיר זיך רייסן צום געבורט.
אָ וועלט, איך בין דיין אויסגעקרימט,
צעקאָרטשעט מויל,
דיין הייזעריקער גאָרגל, דיין אייביקער געשריי...

אָ יוגנט מיינע, מיט אויגן שלאָפלאָזע,
פאַרוואָס האָסטו מיין הארץ פאַר באַן דיינער געמאַכט,
שטייענסט נישט אוים אויף קיין וואָקזאַל,
פאָרסט ׳מיך נאָך פון לאַנד צו לאַנד,
וועקסט מיך ווען איך שלאָף,
בייסט מיך ווען איך וואך,
יאָגסט מיך ווען איך רו,
און שמידסט מיך ווען איך לויף?

זאָג מיר מוכאוועץ בלאָנדער מיין נאָמען!
דו האָסט דער ערשטער מיך נאַקעט געזען,
ווען געיאָגט ס׳האָט דער טויט פון שטאָט מיך אמאָל.
ווער בין איך ווער?
ווו איז מיין קול?
און מיין פנים ווו איז?

צו קליין זענען קינדערשע אויגן, בראָך אַזויפיל
אין זיך איינצוזאפּן.
האָט די צייט מיינע אויגן פארשלונגען?
מוכאוועץ בלאָנדער, ווי א בלינדע צוריק מיך פיר צו דיין ברעג
און זאָג מיר, זאָג,
בין איך אַליין די טראָפּנס־שרעק פון קינדער געקוילעטע,
פון יידן געשאָכטענע, אין מיין אויסגעהרגעטער שטאָט?

אָ וואָלקנקראַצערס שטאָלענע מיט זייגערס פאַרבאָרגענע,
וואָס האָבן מיין לעבן אין טירן פארקלעמט,
און דעם וויי־געשריי אין קעלערס אונטערערדישע פארשלאָסן,
בין איך דאָס אינדיאַניש דערוואָרגענע ליד,
וואָס רייסט זיך מיט שטעכיקע קלאַנגען פון נאַכטיקן מדבר
ארוים?

אָ קאַטאַקאַמבעס שטאָטישע,
מישט די פייער־טעפּ
מיט אייערע בראַנדיקע שטיכן,
קאָכט און זידט און פאַרברענט
ביז קויל מיין פאַרשרפהטן חלום.
אָ מוכאַוועץ בלאָנדער, האָדסאָן, מיסיסיפּי,
וואָלגאַ, ירדן און סען,
ווי ווענעס איר פליסט אין האַרץ מיינס אריין,
ווי וואַסערמילן יאָגט און שטויסט און דרייט די ראָד פון מיין לעבן,
ווי דאָמבעס פאַלט און צינדט דאָס ליכט אין מיין בלוט,
וואַשט מיט שטראָמען אייערע די שויבן פון זכרון
און זאָגט מיר:
ווער בין איך?
און רופט מיך אָן ביי מיין נאָמען!

אין די בערג

I

נאַקעטע בערג, מיט ברוסטן באַוואַקסענע ברוינע,
אין גרינע, מאָכיקע גאַרטלען אויף לענדן פאַרצויגן
און מאַסקעס אייזערנע, גרויע אויף קעפּ,
מיט שרעק־צייכנס ראָסטיקע, גראָבע פאַרשריבן,
ווי שבטים אוראַלטע
אינמיטן פון טעניך אַרום שייטערס פאַרלאָשענע קאַלטע
ביי קעסלען פאַררויכערטע, פוסטע
פאַרגליווערט געבליבן.

טעג — אלמנות געבויגענע שטומע,
אין שלייערס שוואַרצע פאַרהילט,
ווי צווילינגען איינס נאָכן צווייטן,
טריבע פאַרצאָרנטע קומען,
קריכן מיט באָרוועסע פיס צו פעלזיקע שפּיצן אַרויף
און שאַרן מיט ביינערנע הענט דעם נאַקעטן אומעט
אין סטויגן נאַסע צונויף.

רעגנס מאָגערע, דריבנע, גייען נאָגנדיק שטיל
צופוס אין די בערג.
פון לאַנגע נסיעות, פון פרעמדע רוימען,
אין נעצן, צעריסענע, גרויע,
זיי קערן צוריק זיך אַהיים, צו דער ערד
און אויף בלעטלעך, דינע און גראָזן,
הויפנס צעשאָטענע פערל
זיי לאָזן.

אַ טעג איינגעשרומפּענע, האַרע, פון ווינטן צעפּיקט און צעביסן,
פון לבנות מעלאַנכאָלישע אויף רייטערס שוואַרצע געיאָגט,
ווי פּרות רויע, צו פרי איך די גערטנער פון צייט אויסגעריסן —
צו דער זון אויף די הענט מיינע טראָגן כ׳וועל אייך,
ווי פויערטעס וועש צו די ברעגן פון טייך.

II

בערג נאָך בערג און ווידער בערג איינגעהילט אין שניי,
ווו דו קוקסט, ווי ימען פאַרגליווערטע, באַרג־פּאַסן נייע נאָר זעסט,
און וואָלקנס אין לאַנגע שערענגעס ציען אַהער זיך צו זיי,
ווי צו טישן פאַר סעודות געגרייטע, מתנות פאַרבעטענע געסט.

אַ בלייכע פאַרזיגלטע זון צערטלט פון ווייטן, פרעמדלעך און קאַרג
די ביימער פאַרלאָזטע מיט אַלטע פאַרטריקנטע, דאַרע אָליוון.
טעג פאַרטויעטע, רונדע קייקלען ווי זילבערנע רייפן פון באַרג
זיך צו באַרג
און פאַרשווינדן מיט זאַלפן פון יעגער און ווייטע סירענעס
פון שיפן.

צופיסנס דער ים אין פעלזריץ מיט סקאַלעס אַרום זיך פאַרשפּאַרט,
פון ווילדן געדויש, צום שטילן געלעגער ער יאָגט זיך אַהער
צו דער הייל,
ווו יעדן פאַרנאַכט אין שלוכטע פון אורשטיין עמעצן
ער וואָלט דערוואַרט
און שושקענדיק אים ביז פאַרטאָג אַלע סודות
פון וואַנדער דערציילט.

פון ווייטן די שטאָט פאַרטאיעט, פון פלאַכפעלד אַהערצו קומט אָן
און לאָזט אירע שטיינערנע פרוכט אויף די וועגן צעשאָטענע
איבער.
בילמעדיק גראָ מיט הויכע פירקאַנטיקע פיס פון בעטאָן
זי שפאַנט איבער טייכן, תהומען און יאַרוסן ברייטע אַריבער.

אויף די פעלדער אַנטקעגן דער אַלטער מיט מאַכן
באַוואָקסענער מויל.
טאַמעס און טעכטער שניידן יאַלקעס גרינע פאַר מערק,
מיט ניגונים פון אַסטוריאַס, סאַראַגאָסאַ און סעוויל,
און ס'קייקלט דער הימלאָזער ווי זיך איבער די בערג.

און דאָרט ביי די פירענייען דאָס האַרץ געפּאַנצערטע
פון שפּאַניע שלאָגט.
עס שווייגן די נאַקעטע פעלזן מיט וועגן פאַרשלאָסענע,
טויבע ביינאַנד.
עס רופן נאָר קלויסטערס זיך איבער מיט בלייענעם מויל
פון אַ גלאָק
און זינקען אַרונטער אין בלויעכן נעפּל ביים באַרגיקן ראַנד.

III

עס זינגען אַלע קוואַלן אין די בערג
און צו טייכן פאַרסאַפּעטע לויפן,
ווי מיט פייפל פאַרכישופט, אַ פאַסטוך
פון ערגעץ געהיים, אומבאַמערקט
מיט טשערעדעס זיינע ביינאַנד
גערופן זיי וואָלט פון דער ערד.

עס זינגען אַלע קוואַלן אין די בערג.
יעדערער באַזונדער, און אַלע אין אַ כאָר,
ווי ס'וואָלטן די פעלזן דורך דורות פאַרשטומטע
די שטיינערנע מיילער צעפּראַלט
און דער וועלט אַלע לידער געטראָגן,
וואָס אין ערדישן האַרץ זיך באַהאַלט.

עס זינגען אַלע קוואַלן אין די בערג
און ס'וואַגט ניט קיינער
פאַרשטומען דאָס געזאַנג.
עס רוקן אָפּ זיך שטיינער

פאַר קוואַלן ערדישע אין גאַנג.
עס זינגען אַלע קוואַלן אין די בערג
און מיט זיי
דער קרוינשנעפּ, דער פּיראַל,
דער קליינער, דאַרער טשיזשיק,
דער לאַרק און דער אָריאַל.
עס זינגען די מימאָזן,
דאָס פּיצל פּוכבלעזל אין פליִען,

עס זינגט דער ווילדער איריס,
די חלום־בלום אין שניי
און מיין יעדער אבר
זינגט ביינאַנד מיט זיי.

IV

ווי יפתחס טאָכטער אין די בערג אַ גאַנצן טאָג איך וואַנדער.
עס גייט איר יונגער שאָטן שטילערהייט מיר נאָך פון אינדערפרי.
מיר גיסן ווי צוויי טייכן זיך צונויף. מיר טיילן זיך פונאַנדער.
עס מורמלט אַ שטים מיר געהיים: „ביסט זי, ביסט זי, ביסט זי"!

אָט טאַנץ איך אויף די פעלדער, אָט שפּיל איך אויף מיין האַרף.
יפתח מיט חילות און טראָמפּייטן־שאַל זיגרייך צ׳ריק
פון שלאַכטן רייט.
די ערשטע כ׳לויף אַנטקעגן, צו די פיס פון ברידער רויזן
רויטע כ׳וואַרף
און כ׳ווייס נישט אַ פאַראורטיילטע איך בין שוין פון דער וויַיט.

ביים טויער פון נצחון דאָס בלוט אין מיר צעשוימטע זינגט
און מיט אַלע איינעם אויף טריאומף־צעכוואַליעטע ברוקן,
די אָרעמס איך פלעכט, טרערן פון פרייד און לייד,
באַהאַלטענע כ׳שלינג
און כ׳ווייס נישט ס׳וועט די שווערד מיך פון אייגענעם
פאָטער פאַרצוקן.

אַ גורל פֿאַרשאָלטענער, וויסטער, אַ שוחט פֿון יוגנט מיין ריינער,
וואָס האָסטו פֿאַרווערט מיר מיט אַלעמען גלייך זיך
ביים יום־טוב צו פֿרייען?
אָ, יונגפֿרייד מיין געשאָכטענע, כ׳וועל גיין אין די בערג
דיך באַוויינען
און די זאַטן פֿון יאָרן אָפּגעשווירענע אין טרוקענע טראַכטן
פֿון פֿעלזן פֿאַרזייען.

כ׳וועל גיין צו די טייכן ווי ברויט פֿאַרדאַרטן מיין טרויער
דאָרט ווייקן,
ביים אָפּגרונט טיפֿסטן כ׳וועל שטיין ווי אַ מאַמע ביי קינד
אַ טויטן אין וויג.
מיין ליבע, דעם קנאָספּ נישט געבליטן, אין דער נאַכט
ווי אין אַן ארון כ׳וועל לייגן.
מיט יעדן בוים און גראָז זיך געזעגנען ווייל קומען כ׳וועל
קיינמאָל צוריק.

אַ ווינטל די פּיס מיר פֿאַרפּעגט. די וועגן פֿאַרווייט אין זכרון.
די העלדן פֿאַרהילט. געזאַנגען פֿאַרשטומט. אַ נעפּל איך זע
נאָר אַ טריבן.
פֿון זינגער מיט זיינע חילות ס׳איז אַ פֿעלז אַ פֿאַרשנייטער געוואָרן,
איך אַליין נאָר אין טאָל מיט די דערנער אין ברוסט בין געבליבן.

איך וואַנדער אויף שליאַכן מיט האָרפּישע שטיבלעך ווי הויפֿנס
צעשאָטענע קרעלן.
אַ קינד מיך אַ נאַקעטס מיט נייגיר קוקט נאָך דורך אַ שויב.
אַן אָדלער צום ים לאָזט אַראָפּ זיך, נישטערט פֿאַרטאַיעט די וועלן,
און קערט צו זיין נעסט זיך צוריק מיט זילבער־צעצאַפּלטן רויב.

אַ פֿאַרלאָרענער הונט, אַ קודלאַטער לויפֿט נאָך מיר פֿון נאָענטן
טשערעט,
מיט בליקן דערשלאָגענע מידע, ער בעט עפּעס, דאַכט זיך, ביי מיר.
שוין לאַנג אים, ווי מיך ס׳האָט, ווייזט אויס, קיין האַנט נישט
געגלעט,

מיט אויגן זשעדנע ער קוקט אויף די שטיינדעלעך וואָס איך באַריר.

ווי יפתּחס טאָכטער אין די בערג אַ גאַנצן טאָג איך וואַנדער.
עס גייט איר יונגער שאָטן שטילערהייט מיר נאָך פון אינדערפרי.
מיר גיסן ווי צוויי טייכן זיך צונויף. מיר טיילן זיך פאַנאַנדער.
עס מורמלט אַ ישטים מיר נעהיים: „ביסט זי, ביסט זי, ביסט זי!“

דער מעטאַלענער בוים

אין ווייסע צעוויכערטע נעכט, ווען ס׳ פּליעסקען זיך יאָרן
אין פאַרזיגלטן אַקוואַריום פון זכרון,
איך וואַנדער אויף בלינדע, באַוואַקסענע ברעגן פון צייט,
ביי די טרערן־רעזערוואַרן פון אכזריות,
ביי די שיפן פון האָפענונג אין די פאָרטן געדיכטע פון לעבן,
וו דורות ווי זקנים מיט זעק אויף די אַקסלען
צום טורעם געהיימען זיך שלעפּן,
אַהין — וו ס׳האָט דער זויערשטאָף פון ליבע
מיט דעם וואַסערשטאָף פון שנאה עקספּלאָדירט
און דעם טייך פון פרידן געבוירן,
דאָרט — ביים שטראָם,
וו ס׳זיצט אַ באָרוועסע די אייביקייט
און די מושלען אויסגעשליפנסטע זי קלייבט פון יעדן דור.

אין ווייסע, וואַכזאַמע נעכט, ווען עס שלאָפן די שליסלען
אין אָפענע טירן פון סודות,
איך זע דורך מיין שויב
די שווארצע פאַנטאַזען מיט די קוועקזילבער קעפּ פון דעמאנען,
דעם דינעם פאַרבאָרגענעם, שטאָלענעם שטויב,
וואָס טריפט פון זיי ווי אַ רעגן אַ דריבנער
כישופדיק, פינצטער אראָפּ אויף דער ערד,
און די וועלט ער פאַרהילט מיט א קאַלטער מעטאַלענער הויט.
אין ווייסע וואכזאמע נעכט, ווען אויף לייטערס איך שטיי
פון מיין צייט

און ס׳צינדט זיך דאָס האַרץ ווי א שטערן אין רוים
מיט פייערן העלסטע צעלויכטן אין פאַל —
איך זע ביים פענצטער מיין אַלטן, פאַרוואָרלאָזטן בוים
באַדעקט מיט מעטאַל.
צווייגן פון קופּער.
בלעטער פון בליי.
בלומען פון בראָנז.
איך הער
ווי ער ציט זיך,
טרעשטשעט, קרישלט, שאַרפּעט
און צווייגן מיט גלאַטע געשליפענע מיילער
פרעסן.
פרעסן
די פייגל אין אייגענע נעסטן.
אין ווייסע, וואַכזאַמע נעכט,
ווען ס׳יאָגן ווינטן פון צייטן מיך נאָך —
איך שפּיר
דעם מעטאַלענעם סקרוך,
דעם קאַלטן שפּיזיקן שטאָך,
פון בוים, וואָס ברעכט די ווענט מיינע דורך
און בלעטער, ווי מילשטיינער, ראַסטיקע, קאַלטע
מיט פייכטן, האַרבסטיקן נאַקעט
פאַלן,
אַרונטער
אויף מיר.

אונדזערע יאָרן

ענדלאָז און אייביק דער וואַלד איז פון צייט.
עס פאַלן ווי בלעטער די יאָרן — אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט.
אומבאַמערקט און געהיים איין יאָר אַ צווייטן פאַרבייט
און לאָזט אויפן וועג נישט אין ערגעץ קיין סליאַד.

מיר ציילן נישט, מעסטן נישט זאַמלען קיין שכר'ן נישט איין
פאַר אונדזערע רייפע, גרויסאָריקע יאָרן, וואָס גייען פאַרביי.
ווי טייכן אין ימען זיי פאלן אין לעבן צעשוימטן אריין
און ווערן ביים ראַנד פון נצחון געבוירן אויפסניי.

אונדזערע באָרוועסע, יונגע אין פייערס געוואַלגערטע יאָרן,
שטיל און באַשיידן זיי וואַקסן ווי גראָז.
זיי שטעלן נישט אויס זיך אויף בינעס נאָך שפּיל, ווי אַקטיאָרן,
און וואַרטן נישט געבן זאָל ווער אַן אַפּלאָז.

נישט מיט קיין וויין־קרוגן זילבערנע פולע,
מיר האָבן ביי ליכטיקע טישן מיט פרייד זיי באַגעגנט.
ווי שאָטנס שולדיקע זיי האָבן דורך געסלעך שיכורע, דולע
באַגלייט אונדז און צען מאָל אויף טאָג זיך אַ יעדן געזעגנט.

דורך הייסע, בלייענע ווינטן, דורך וויסטן פאַרטאַיעטן לויער,
דורך לבנות פאַרשעמטע און געמינעטע פרעמדע פאַרטאָגן,
מיר האָבן פאַרבאָרגענערהייט זיי ווי פּירות טערפּיקע רויע
מיט וואונדער־וויזיעס ביינאַנד אין רוקזעק אַלטע געטראָגן.

אונדזערע יאָרן, מיט זודיקע ברוסטן זיי זענען צו שלאַכטן געגאַנגען,
אין גריבער, אין זומפּן געשאַרט זיך, דורך נעכט אויפן בויך,
מיט בלוט און שוויים די פּייערס געלאָשן, אויף תליות געהאָנגען,
און טראָגן אויף זיך פון חלומות פאַרברענטע דעם רויך.

מיט העלדן פון קינדער ביז זיידעס ס'איז רייך אונדזער דור.
מיט לידער דערשאָסענע יונגע עס ווירט נאָך און צאַפּלט די ערד.
עס פעלן פאַר יאָרצייטן טעג אונדז אין יאָר
און בלומען צו ווייניק דער פרילינג פאַר זיי אונדז געבערט.

אויב פרעגן זאָל דער, וואָס וועט אויף די בליצן שוין רייטן
אויף גאַסן פון מאָרגן, מיט שטערן ברוקירטע שוין גיין,
צי וואָלטן זיי גרייט זיין מיט אים זיך צו בייטן!
מיט קעפּ אויפגעהויבענע ענטפערן וועלן זיי: „נ יי ן"!

איז זאָלן געבענטשט זיין די יאָרן, וואָס וועקן, וואַכן און היטן,
וואָס האָבן די זוימען פאַר וועלטן נייע געגרייט,
די וועגן צו זיי דורך בערג און דזשונגלעס געשניטן,
אַז יונג דאָס לעבן זאָל זיין און זאַט אַלע הערצער מיט פרייד.

נאָך דעם שטאַרבן פון אַ חלום

נאָך דעם שטאַרבן פון אַ חלום איך ווער נעענטער צו דער ערד.
ענגער די טירן אָפענע פון האַרצן זיך פאַרשליסן.
פרעמדער, און פאַרבאָרגענער דאָס פנים אייגענע מיר ווערט,
באַוואַקסענער מיין בליק, טויבער מיין געוויסן.
ווי אין אַ מדבר אין זיך אַליין פאַרבלאָנדזשעט כ'ווער.
מיט לאָגלען שרעק אין רעדער רויך איך דריי אַ דולע זיך אינמיטן,
ווי ס'וואָלט אַ שטראַל דורך דעם גאַרטל פון איאָנאָספער
די טויערן מאַגנעטישע צעפראַלט און מיין ברוסט אַדורכגעשניטן.

נאָך יעדן בראַנד, וואָס צאָן פון צייט אין מיר פאַרקאַרבט
איך ווער שטילער, גלייכגילטיקער, קלענער.
ווי קינד אין מוטערס טראַכט אַ גוף אין מיינעם שטאַרבט.
לענגער ווערן נעכט, טריבער, מיינע טענער,
ווי שטיין מיט שליים מיט חלומות טויטע כ'ווער באַלאָדן.
ליכט דאָס נעכטיקע עס ווערט אַ לאַסט מיר און אַ שטראָף,
מידער ווערט דער פאַסטוך דער באָרוועסער מיין שאָטן
און ס'קריכן מיינע טעג ווי באַרג אַרויף סטאַדעס הינקענדיקע שאָף.

נאָך יעדער בראָך איך בין אַ שיף אינמיטן נאַכט, ווייט פון פאָרט,
ווען אַלע וועגן מיט גורל וויסטן זיינען שוין געקרייצט,
וואָס רייסט זיך אימפעטדיק פאָרויס, נאָר רירט זיך ניט פון אָרט,
אין קלעם אין ימיקן געפאַנגען מיט כוואַליעס כלושטשיקע
פאַרפלייצט,
מיט רודער אויסגעבויגענעם, פון שטורעמס וויסטע ניט געשוינט,
איך זינק אין זיך אַליין און ווער אין טיפן פאַרפלאָנטערט
און פאַרלאָרן
ביז צו דער שפיץ דאָס האַרץ מיינס ווערט געוווינט
און מיט יסורים אין געראַנגל אָפסניי איך ווער געבאָרן.

נישט פֿאַרגעסן און נישט פֿאַרגעבן!

עס קריכט דער וואָלף־קאָלאָס ווידער פֿון נאָרע אַרויס
זיכער דורך די גאַסן פֿון דער וועלט ווי דורך וועלדער
פֿינצטערע, טיפֿע
ער גייט
צו די נעסטן פֿון פֿאַרליבטע, צו די וואָרצלען פֿון טרוימען,
צו די דאַמבעס פֿון לעבן.
אין אויגן זיינע ווי שפּיגלען גלעזערנע, טוכלע,
אויף דנאָ פֿון שוואַרצאַפּלען,
עס ליגט נאָך אין פּראָסטיקן פֿינקל מיין מאַמעס
דערוואָרגענער יאָמער,
דער רויך פֿון מיין טאַטנס פֿאַרשרפֿעט געביין,
די אָטעמס פֿאַרגליווערטע, לעצטע פֿון טויט־עשאַלאָנען,
וואָס האָבן ביי אים אונטער וויעס ווי אין אַ מאָרג זיך
באַזעצט דאָרט,
באַהאַלטן ער זאָל זיך פֿאַר קיינעם אין ערגעץ נישט קאָנען
און שווימען אין בליק זיין ווי זייכערס פֿון שיפֿן
פֿאַרברענטע צום פֿאָרט.

עס קריכט דער וואָלף־קאָלאָס ווידער פֿון נאָרע אַרויס.
מיט רידלען, מיט שפּאַדלעס, מיט ווייטיקס צעמישטע אין סלויען,
מיט זוימען פֿון טראַכטן באַרויבטע, מיט גסיסות
פֿון לאַנגזאַם פֿאַרפּייניקטע פֿרויען,
מיט בראָכן צעפּיצלט, צעברעקלט ביז קרישקעס די קלענסטע
און פֿינקטלעך צעמאָסטן, צעחשבונט די ציפֿערס געגויע.

דער האַר פון אַלע גיהנומס, דאָס אויג פון אַלע געשפּענסטער
צו די שויבן פון מיינע צעפּיבערטע נעכט מיט טריט
מעטאַלענע שאַרט זיך
און דעם שלאָף ביי פלעשער געבאַרגטן יעדע נאַכט ער דערשטעכט,
ווען אויף קינדערלעך מיינע פון גריבער פאַרשנייטע
קוים כ'האָב דערוואַרט זיך,
ווען מיט שאָטנס צום לעבן פאַרבענקטע מיין שטוב
באַווינט איז געדיכט.
ווען דעם קלענסטן איך נעם צו דער ברוסט, דעם עלטסטן
איך זעץ אויפן שויס,
די הענטלעך פאַרפרוירענע, צאַרטע, מיט לייב מיינס כ'דערוואַרעם,
די שרעק גלעט אַרונטער פון יעדן געזיכט,
די ווענט ער צעפּראַלט און רייסט מיר זיי ווידער אַרויס.
אַ פאַרשטאַרטע אין ווייען דורך טונעלן נאַכטיקע שטומע
איך יאָג פאַרסאַפּעט אים נאָך
און ער אין הענט אויסגעשטרעקטע וואַרפט אַ מטבע אַריין,
ווי אַ בעטלער אַ בלינדן, באַרויבטן אין מיטן געווירבל פון שטאָט
אין לעכער פון אויגן, דער רויבער אַליין מיט גראָשנס פון רויב
פאַר שווייגן באַלוינט אים מיט גנאָד.

עס קריכט דער וואָלף־קאָלאָס ווידער פון נאָרע אַרויס
מיט הונגער זיין פרישן
די טעג ווי קינדערשע שאַרבנס צו שפּאַלטן אויפסניי,
די זאַנגען אויף פעלדער מיט ווינטן צו דרעשן אויפסניי,
די שטערן מיט שייטערס פאַרלעשן אויפסניי,
מיט דראָטן פאַרצאַמען מעת־לעתן אויפסניי
און וויל דעם חשבון פאַרווישן,
און וויל מיין פאָלק אויסגעקוילעטס,
די דורות מיט טעכטער און זין נישט געבוירענע
איך זאָל פאַרגעסן,
און די האַנט, די געחתמעטע מיינע, מיט חשבון פאַרקריצטן
אין בליי,
ווו זאָל איך באַהאַלטן?

ווי פּסח צום סדר דורך טויזנטער יאָרן
אין יידישע שטיבער,
ווי פלעשער פאַרמאַכטע מען עפנט דעם צאָרן,
איין דור דעם צווייטן די קללה גיט איבער,
קיינער עס ווערט נישט פאַרגעסן,
קיינער עס ווערט נישט אויף ווען פון וואַנדער פאַרלוירן,
ווי מיט בראָך געבענטשט ס'איז מיין פּאָלק מיט זכרון,
אַזוי דעם טיש פאַרשטויבטן פון צייט מיט מיין האַנט
כ'וועל פאַרדעקן,

די פונקען פון פייער אין לייב איינגעברענט מיר,
ווי טאַטעס דעם מרור אויף קינדערשע צונגען,
איך וועל אין די מיילער פון ווינטן פאַרזייען,
זיי זאָלן מיין טרויער-הויז זיין.
יעדע נאַכט, יעדן טאָג, דור אויס און דור איין,
צינדן מיין האַנט אויפסניי וועט דעם צאָרן,
ברענען און ברענען און פאַרלאָשן נישט ווערן
ווי אין מדבר משהס פלאַמיקער דאָרן.

רשימה פון אומבאַקאַנטע ווערטער

אַלעגייניעס — אַ באַרג־קייט אין צפון־אַמעריקע.

אָפּוס — הייליקער אָקס, אָפּגאָט.

אַמאַרילעס — אַ מין בלומען.

אָרפעוס — אַ זינגער און שפּילער פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע.

אַנטענעס — מכשירים אָדער אָרגאַנען אויפצוכאַפּן וויבראַציעס.

באַלדער דעס — נאָמען פון אַ דאַמבע אין צפון־אַמעריקע.

ביגאָניעס —סאָרט בלומען.

דאַפידילן — סאָרט בלומען.

גאַלון — לופט־באַלאָן.

וויפּאָוויל — אַ מין פויגל.

זאַפּלאָרן — סאָרט בלומען.

זיזעביי — כינעזישער נאָמען פון אַ פויגל.

טאַראַנטולאַס — אַ ריזיקע גיפטיקע שפּין.

טאַרקואַז — איידלשטיין.

טאָם־טאָם — פּויקן־קלאַנגען אין אַפריקע.

טיימס־סקווער — אַ קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק.

טאַפּיר — אַ מין סאָרנע.

יאַגואַר — חיה פון טיגער־פאַמיליע.

עמבריאָן — אָנהייב־סטאַדיע פון אַ לעבעדיקן וועזן.

עמעט טיל — נעגער־יינגל דערמאָרדעט פון ראַסיסטן אין מיסיסיפּי.

„לאַ קאָרידאַ" — אָקסן־געפעכט אין שפּאַניע.

מאָרזש, דעלפין, שאַרק — מינים פיש.

מימאָזע — מין בלומען.

מאַנהעטן — געגנט אין ניו־יאָרק.

ניו־דזשערזי — אַ שטאָט אין שכנות מיט ניו־יאָרק.

סאמפּאַן — שיפל.

טאָיאַ — אַ מין בעבעלע.

סטאַנדאַרט־אויל — גרעסטער אַמעריקאַנער אויל־טרעסט.

ריפן — תהמען.

ראַדאַר — אַן אַפּאַראַט, מיט וועלכן מען כאַפּט אויף פון ווייטן די געשטאַלטן פון זאַכן.

קאַשעניל — האָלץ־אינסעקט.

קראַמאַזאָנען — שנירלעך און קערן פון צעל, וואָס טראָגן איבער ירושה אייגנשאַפטן.

שיען — מוזיק־אינסטרומענט אין כינע.

שטירדע — כעס, רוגזה.

קאַטאָן־פעלד — ביינוול־פעלד.